STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00465

ZING MAYN HARTS

Bracha Kopstein

•

Permanent preservation of this book was made possible by
Max Zar

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זינג מיין האַרץ

ברכה קאָפּשטיין

זינג מיין האַרץ

לידער

ניו־יאָרק, 1945

Copyright 1945
by BROCHE KOPSTEIN
New York, N. Y.

25

Printed in U. S. A.

זינג מיין האַרץ

אָ, זינג, מיין האַרץ, אַ גרויס געזאַנג,
וואָס זאָל פאַרהילכן מיט זיין קלאַנג

די מידע וועלט — אַז אַך און וויי, —
זי שרייט אַ בלוטיקן געשריי.

אָ, זינג, מיין האַרץ, און ווער ניט מיד:
עס דאַרף די וועלט דיין מוטיק ליד!

זינג אויך דאַן ווען טרערן גיסן, —
דו ביסט נאָך אַלץ דער וועלט'ס געוויסן.

ווי נאָר אַ צרה אויף דער ערד,
פאַלט אויף דיר די שאַרפע שווערד.

אָ, זינג, מיין האַרץ, אין חבלי־לידה,
ווי מיין טאַטע און מיין זיידע,

וואָס האָבן געזונגען זייערע געזאַנגען
ווען דאָס האַרץ אין ווייען איז פאַרגאַנגען,

און דורך דורות כוח זיי געגעבן
אַלע ווילדע גזרות איבערלעבן.

ביסט, מיין האַרץ, דער וואַכער עדות
צו די געזאַנגען פון מיינע שטאָלצע זיידעס,

און וועסט נאָך הערן זינגען מיינע קינד'ס־קינדער
פון אייביק לעבן — דעם גרויסן וואונדער.

אָ, זינג, מיין האַרץ, און ווער ניט מיד:
עס דאַרף די וועלט דיין מוטיק ליד!

הערשל גרינשפאן

זיבעצן בלויע באַגינענס האָט דיר דאָס לעבן געשענקט.
זיבעצן בלויע פאַרנאַכטן האָבן אויף פעלדער געבענקט.

זיבעצן גאָלדענע טרוימען האָבן אין דיין בלוט געזונגען, —
איז געקומען דיין גורל — מיט וואָר דיך באַצוואונגען!

דו קינד פון מיין דור, קינד פון מיין שטאַם,
כ׳האָב דיך קיינמאָל אין דיין געשטאַלט ניט געקענט.
פאַרוואָס־זשע דערזע איך אין מיינע אויגן דיין פלאַם,
וואָס פלאַקערט און ווערט ניט פאַרברענט?

און וויל איך נאָך מער דיין לעבן דערקענען, —
קוק איך זיך טיפער אין מיינעם אַריין.
די בריקן וואָס איך האָב געלאָזן פאַרברענען,
רויכערן אַלץ נאָך מיט פלאַמיקער שיין.

מיט זיבעצן יאָר צוריק איז עס געווען, —
ווען דו — מיין גליד־גליד־שוועסטער־קינד,
האָסט דאָס ליכט פון דער וועלט דערזען.
צום ערשטן מאָל געהערט זינגען דעם ווינט.

געלערנט זיך שטעלן דעם ערשטן טראָט, —
האָב איך — אַ קינד פון אידישן שטאַם,
שוין געזויגן די קללה פון גאָט, —
געוועזן שוין אַ טראָפן אין בלוטיקן ים.

ווען פאַר דיר די דייטשע הימ דיינע
איז געוועזן אַ חלום פון לויטערן פראַכט, —
איז מיין היים — די זאַטע אוקראַיינע —
אַ שלאַכטפעלד געוואָרן איבער נאַכט.

דעמאָלט — געוואוסט כ׳האָב אַזוי מוראדיק קלאָר,
אַז איך בין אַ איד, און אַ איד זיין איז שווער.
ס׳איז געווען דאָס ניינצן־צוואָנציקסטע יאָר; —
און וואָס קאָנען רייד זאָגן נאָך מער?

רוצחים האָבן אידישן נאָמען
הפקר געטראָטן.
פון אַלטער שנאה געגראָבן די זאָמען,
מיט זיי — מיין לייב מיר געבראָטן.

דער ווי האָט זיך געכאָוועט אין מיין בלוט
און געוואָקסן מיט מיר אינאיינעם.
זיינען איצט מיינע אויגן — צוויי פונקען צעגליט,
אַז פאַרלעשן זיי קענען קיין ימים.

אָט־דער פייער, דורך דורות געצונדן, —
ווי אַ דענקמאָל אויף אונדזער לעבן געשטעלט,
האָט איצטער דיין גורל מיט מיינעם פאַרבונדן,
כאָטש ווייט זיינען מיר אין צוויי עקן וועלט.

איך זע דיך אַצינד — מיט דיין בלוט וואָס ברענט, —
ווייל אַ רויבער דיין ליכט האָט גערויבט.
ווי דו נעמסט דיין גורל אין אייגענע הענט,
ווייל אין אמת אין טיפן דו גלויבסט.

איך הער דיך אַצינד — דיין פאַרשטיקט געוויין, —
ווי דו גייסט אַרום איבער תפיסה־דיל.
ווי דו שלינגסט דיין אומעט איינער אַליין,
און קוקסט אין די אויגן דעם טויטנשפיל . . .

איז מעגסטו עס רופן אַליין ווי דו ווילסט:
„נקמה פאַר טאַטע־מאַמעס לעבן״ —
און מעג איך הערן ווי זיך דו שילטסט,
וואָס דערפאַר דאַרפן אידן אַזאַ קרבן געבן.

אַלץ איינס, הערלעך קינד,
געדעכט ביסטו, און זויבער ריין;
ניט דו ביסט באַגאַנגען אַ זינד, —
ניט דו ביסט געוואָרן געמיין . . .

געמיין איז דער יאָרהונדערט, שוואַרץ.
דו — דער ברען־שטאָף פון טעג.
צו קויל און צו אַש, — נאָר דיין האַרץ
ווי אַ שטעכיקער דאָרן ידעם שונא אין וועג.

דיין האַרץ — ס׳געוויסן פון וועלט, —
דורך רויך און פלאַם און צאָרן.
פון אייביק ביז אייביק קעגן טומאה געשטעלט, —
ס׳זאָל די קדושה ניט גיין פאַרלאָרן . . .

זיבעצן בלויע באַגינענס האָט דיר דאָס לעבן געשענקט.
זיבעצן בלויע פאַרנאַכטן האָבן אויף פעלדער געבענקט.

זיבעצן גאָלדענע טרוימען האָבן אין דיין בלוט געזונגען, —
איז געקומען דיין גורל — מיט וואָר ידיך באַצוואונגען!

אַ וויגליד פון אַ מאַמע אין קיינעמס לאַנד

שלאָף, מיין קינד, אָן אַ בעטעלע,
עס גרינט אויף בוים אַ בלעטעלע,
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ניט וויין, מיין קינד, ניט וויין,
ס'איז גאָרנישט ניט געשען,
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

שלאָף, לעבן יונגס, מיין קינד,
עס איז דיין מאַמען ווי און ווינד,
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

ס'האָבן נאַצי־וועלף אונדז פון דער היים פאַרטריבן,
זיינען מיר אונטערן הימל אויף אַ פעלד פאַרבליבן.
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

וועסט אויפוואַקסן שטאַרק ווי דער בוים אין פעלד,
זאָלסטו אַ באַלוינונג פאַר די ליידן מאָנען ביי דער וועלט.
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

כ'וויג דיך איצט אין וויג, פון צווייג און בלאַט געמאַכט,
איבער דיין יונגן קאָפ פאַלט צו די שוואַרצע נאַכט.
איי־ליו, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

לייג אין רו אַוועק דיין גאָלדן קעפעלע,
עס דעקט דיך צו אַ בוים מיט אַ זאַפטיק עפעלע.
איי־ליו־, ליו־ליו, ליו,
פרילינג ברענגט אונדז רו.

איך זוך דיין נאָמען

איך זוך דיין נאָמען אויף פּאַפּיר,
עס ציטערן מיר די ברעמען.
אַזוי פיל אותיות פאַר מיר
פינקלען מיט באַקאַנטע נעמען.

איך שלינג זיי אַלע איין
מיטן דורשט פון מיינע אויגן.
און עס לעשט זיך אויס די שיין
מיט יעדן נייעם בויגן . . .

ס׳פעלט דיין נאָמען תמיד אויס, —
כ׳ווייס ניט וואו ביסטו אַצינד ?
און ווער איז איצט אין יענעם הויז,
וואו כ׳האָב געלאָזן דיך אַ קינד ?

פאַרוואָס גאָר זוך איך דיך אַרום
וואו די וועלט באַר האָט אַן עק ?
שוואַרצע שורות שווייגן שטום, —
דאָס האַרץ גייט אויס פון שרעק . . .

איך דערצייל זיך אַ מעשה, מיין ברודער

איך לייג דיין קאָפּ צו מיר אין שויס,
און טראַכט אַ מעשה'לע זיך אויס,

אַז געווען איז אַלץ וואָס איז אַצינד,
ווען דו ביסט נאָך געווען אַ קינד.

ווי אַמאָל — אין ערשטן קריג,
ווען ס'האָבן מערדער דיך געוואָרפן פונעם וויג,

ווען טאַטע־מאַמעס אויגן האָבן צוגעזען, —
איז אויך אַ נס מיט דיר געשען.

ס'האָט דער ווינט די טיר געטאָן אַ שטויס,
און די מערדער זיינען פון דער שטוב אַרויס . . .

אַזוי דערשראָקן זיינען מיר געווען,
אַז מיר האָבן ניט געזען דעם נס געשען.

די מערדער זיינען פון דער שטוב אַוועק,
און מיטגענומען מיט זיך די שרעק.

די מאַמע האָט דיך פון דער ערד געהויבן,
צוריק אין וויג געלייגט מיט ציטער און מיט גלויבן . . .

און יענער גלויבן האָט געהיט און דיר כוח געגעבן
אַלע יאָרן אין דיין שווערן לעבן.

שפּעטער האָט די צייט פון גרויל די שפּורן
אָפּגעווישט מיט פרישע יאָרן.

ביסט געוואַקסן אַ לעבעדיקער עדות —
אַן המשך פון די מאַקאַבייער־ייִדעס.

האָסט געוואוסט אַז אַזוי ווי היינט איז אַלעמאָל
גרין דער וואַלד און גרין דער טאָל.

פריש דער קוואַל, און הייס דער פלאַם, —
און אייביק דאָס לעבן פון דיין שטאַם.

האָסט געלערנט און פאַרשטאַנען:
מענטשן זיינען כל'ערליי פאַראַנען.

און די וואָס רויבן אַוועק די זון איבמיטן טאָג,
וועלן פון גאָט אַליין באַקומען זייער פלאָג.

ביסט געגאַן, מיין ברודער, מיט יונגע טריט
אין אַ וועלט פון שלעכט און גוט.

אַזוי לעבעדיק איז געווען דיין גאַנג,
אַז ניט געהערט האָסטו דעם ווידערקלאַנג

פון בייזן וויסטן מויל, —
וואָס ברענגט דער וועלט נייעם גרויל.

און כאָטש דער קלאַנג — ווי אויף לייב דאָס העמד,
איז דיר — דעם אידיש קינד — געווען ניט פרעמד,

האָסטו מיט ווייטיק שטיל געטראַכט:
ס'איז נאָר אַ חלום פון אַ בייזער נאַכט . . .

אָט־דאָ, ברודער, ווערט שווער דאָס מעשה'לע צו שפּינען,
די טרערן פון די אויגן רינען, רינען . . .

ס'איז ניטאָ שוין מער די ליבע מאַמע,
וואָס האָט מיט אויגן לויכטנדיקע און בלייכע הענט, —
צוריק צום לעבן דיך אויפהויבן געקענט.

עס איז שוין אַפּילו אונדזער דירה מער ניטאָ,
וואו עס האָט דער טאַטע ביז דער לעצטע שעה,

פון דורות לאַנג די חזקה אָנגעהאַלטן, —
און אַלע הייליקייטן פון געפאַרן אויסבאַהאַלטן.

לעבן לעבט נאָר דער גרויל פון יענע יאָרן,
און אַ שפּור צום טאַטנס הויז — אינעם זכרון . . .

ווי קאָן איך ווייטער דאָס מעשה׳לע ציען ?
אַז איך זע די שרעק אין דיינע אויגן גליען !

אַז דיין ניט־געקוילעטער רוף איבער די ווייטן
איז שטאַרקער, גרויליקער פון אַלע צייטן.

דיין געיאָמער — ער ווערט דען שטיל ?
ס׳איז ניט קיין מעשה׳לע — ס׳איז טויטנשפּיל !

מיך לאָקט ניט יענער טאָג

מיך לאָקט ניט יענער טאָג
וועלכן אַלע גאַרן.
איך הער אין אים די קלאָג
פון טויזנטער געפאַרן.

איך זע ניט אינעם מאָרגן
דעם סוף פון אַלע סופ׳ן.
אין חורבות ליגט פאַרבאָרגן
מער צער — ווי האָפן.

פאַר וועמען פרייד איז באַשערט
אינעם טאָג פון זיג, —
פאַר מיר וועט נאָר די ערד
אויפדעקן דעם קריג

און באַווייזן אַלע גרוילן.
פון מיינע ברידער — קופּעס מיסט
און די מעשה פוילן,
אַז ווי און וויסט . . .

ישובים איבער גאָר דער וועלט,
וואו אידיש לעבן האָט געבליט,
דורך דורות ליידן אויפגעשטעלט, —
ליגן איצט מיט אַש פאַרשיט.

קינדער פון מיין שטאָם,
וואו איז זייער געביין ?
פאַרווישט אַיעדע צאָם, —
פאַרשטומט זייער געוויין . . .

מיך לאָקט ניט יענער טאָג
וועלכן אַלע גאַרן.
איך הער אין אים די קלאָג
פון טויזנטער געפאַרן.

צו דער נאַצי־מוטער

קום אַרויס אין שלאַכטפעלד און זע דעם בייזוואונדער —
די ערד איז צעאַקערט מיט דעם בלוט פון דיינע קינדער!

אַט איז אַ האַנט, אַ צעשפּאַלטענער מוח —
ציטער ניט, נעם אָן זיך מיט כוח

און שפּאַן איבער בערג מיט מענטשלעכע גלידער —
זע, עס פּיקן שוואַרצע ראָבן די בלויע אויגן פון דיינע ברידער.

בלייב שטיין און קוק זיך איין:
אין מיטן העלן טאָג איז אויסגעלאָשן זייער שיין!

ווער האָט זייער לעצטן „אוי" פאַרנומען?
אַט ליגן זיי און שטומען, שטומען . . .

הערסט, די פייגל זינגען ניט, נאָר שרייען:
וועסט פון זייער געשריי זיך קיינמאָל ניט באַפרייען.

אין שטומען ווי וועסטו ווייגען, קלאָגן, —
און עס וועלן דיר די חורבות זאָגן:

גיי איבער די ברייטע שליאַכן פון אוקראַיִנע,
צייל די צלמים דאָרטן פון די קינדער דיינע.

וועסט ציילן און ניט דערציילן דיין פאַרמעג
אויף דעם שווערן, דעם גרויליקן וועג.

וועסט טאַפּטשען אין בלוט אויפן שניי,
אין דעם בלוט פון גאָט'ס קינדער, אַך און וויי!

און שרייען וועט דאָס בלוט פון אונטער דיינע טריט,
דאָס בלוט פון דעם אוקראַינער, דאָס בלוט פונעם איד.

דער טעם פון נקמה וועט צינדן דיין לייב אין פלאַמען,
פאַר׳שרפ׳עט וועסטו ווערן פון בושה, דייטשע מאַמע!

ביי די הימלען וועסטו רחמים בעטן, שווערן,
נאָר סע וועט קיינער דיך ניט הערן.

ווייל טויב איז די לופט מיט געקנאַל פון קוילן,
און מיד די ערד — פון די הרוגים, וואָס אין איר פוילן.

סע וועט די זון דיך ניט דערוואַרעמען,
טויטע קינדער וועלן אויף דיר זיך ניט דערבאַרעמען.

פון אונטער די חורבות וועלן זיי צו דיר שרייען,
פון זייער געשריי וועסטו זיך קיינמאָל ניט באַפרייען!

דיין האַרץ וועט צעריסן ווערן פון פראַגן:
„פאַטערלאַנד”? „אַריער”? „דייטשלאַנד וועט וואָגן”?

אָפּגעגעבן האָסטו דיין פרייהייט, דיין ברויט מיט פוטער,
און דיין געוויסן — דעם ניט־גוטן!

געשיקט האָסטו דיינע זין רויבן פאַרן „פירער” די זון פון גאָט׳ס וועלט,
דערשטיקן די שטים ביים קינד וואָס קוועלט.

שניידן פון פרעמדער ערד דאָס ברויט,
און פאַר אַ באַלוינונג — ברענגען דעם טויט.

ניט פאַרגעסן זינגען דאָס „האָרסט־וועסל־ליד”,
ווען עס ווערט געטריבן צו שחיטה דער איד.

האָסט, דייטשע מאַמע, דיינע זין מוט געגעבן
ניט צו שאַנעווען קיין „פרעמד” לעבן.

און די קליינע קינדער איינגעוויגט מיטן ליד:
„ס'איז דער ערשער טאַטע אַוועק ליקווידירן דעם איד!"

ווי איז דיין אויער דיר ניט געוואָרן טויב
אונטער דער ווילדער אָרגיע פון רויב?

הערסט ווי געקוילעטע אידן שרייען?
פון דעם געשריי וועסטו זיך קיינמאָל ניט באַפרייען!

רייס אַרויס דיין האַרץ, און וואַרף עס פאַר די הינט —
וועלן זיי עס גריזשען ווי דאָס פלייש פון דיין קינד.

נעם דיינע קאַלטע, טרוקענע געהירן,
צעוואַרף זיי איבער וועגן אויפן פראָסט צו פרירן.

און פאַר די שוואַרצע קראָען גיב אָפּ דיין ליידיקן שאַרבן, —
מיט קיין בעסערן טויט דאַרפסטו ניט שטאַרבן!

דורות נאָך דיר וועט דאָס בלוט אַלץ שרייען —
פון דעם געשריי וועט דייטשלאַנד זיך קיינמאָל ניט באַפרייען!

קומען בריוו פון ארץ־ישראל

1

ס׳דערציילט מיר מיין פעטער וועגן זיינע צוויי זין,
וואָס זיינען געבוירן אין דער שטאָט פון מאָשין:

„דער עלטערער בחור — שלאַנק ווי אַ צעדער —
אים האָט כסדר געצויגן דער ריח פון סעדער.

ווען ער האָט געשפּאַנט איבער תל־אביב׳ער גאַסן,
האָט ער זיך געזען — וויינטרויבן רייסן.

און איז ער געזעסן אין שול און געלערנט,
האָט אַ הימל אַ ווייטער די ביכער צעשטערנט...

אַזוי האָט ער געזאַמלט זיין פאַרמעגן — די יאָרן,
און ז׳אַוועק אויפן לאַנד — צו די פעלדער מיט קאָרן.

דער צווייטער, דער יונגער, אַ בחור אַ ברען,
ער האָט די שיינקייט פון שטאָט נאָר געזען.

געפרייט האָט ער זיך מיט איטלעכער זאַך:
ווי מ׳שטעלט אויף אַ הויז און ס׳וואַקסט אויס אַ דאַך.

ווי סע ווערן געבוירן גאַסן אַ ריי,
און ווי מ׳ברוקירט אויס פון שטיינער אַ לאַנגן שאָסיי.

און איז ער אַביסל עלטער געוואָרן,
האָט אים געצויגן איבער ימים צו פאָרן.

נאָר וואוהין זאָל ער פאָרן, אַז ער האָט ליב דאָס לאַנד?
האָט ער ווייטער געלערנט, געשליפט דעם פאַרשטאַנד.

ביז אין איינעם אַ טאָג, פון די גליקלעכע טעג,
מ׳האָט אַ האַפן פאַרטראַכט ביי תל־אביב׳ער ברעג.

ס׳האָט דאָס בלוט פון די דורות — אַלטע און יונגע —
זיך אינעם בחור דעם אינגסטן צעזונגען.

איצט — מיט דער מחנה חלוצים — ביים בויען פּאַרטאָן,
ס׳פלאַקערט שוין לאַנג איבערן האָפן די אידישע פאָן.

און שיפן — זיי קומען, און שיפן זיי גייען,
שיפן פאַראַנקערט מוזן אויך שטיין, —

צו היטן מיט אויגן, ווי שפּיזן,
דעם שונא׳ס קאַפּריזן . . .

און גרייט איז דער ישוב, ניכטער און וואַך
צו ריידן מיט שונאים אויף זייער אייגענער שפּראַך . . .

אַלע שטרויכלונגען אין וועג ווערן פאַרלוירן —
חלוצישע גבורה — אַ לאַנד האָט געבוירן״.

כ׳הער די שטים פונעם לאַנד — דעם שטאָלץ פון דער שטאָט,
ווען ס׳דערציילט מיר מיין פעטער וועגן די זין וואָס ער האָט.

2

ס'שרייבט מיר מיין שוועסטער
פון נגב, פון טאָל.
כ'לייען איר בריוו שוין צום ווײפלטן מאָל:
„מיין זונעלע איז שוין זיבן יאָר אַלט.
מיר איז גוט,
וואָס איך האָב אויף ארץ־ישראל'ער ערד
אַ קינד געבוירן.
ער גייט אין שול, ער וואַקסט, ער קוועלט.
פאַר אים —
ווי די קנאָספּן פון די בלומען,
עפנט זיך די וועלט.
ביים נאָמען רופט ער אָן יעדע זאַך,
און ווי די לופט וואָס ער אָטעמט —
קלינגט פשוט זיין שפּראַך...
ער איז פון דער זון פאַרברוינט געוואָרן,
און ווי דער הימל בלוי
זיינען זיינע אויגן.
מיט דער מאַמעס מילך
האָט ער דאָס בלוי אַריינגעזויגן.
איך וואַקס מיט אים, כ'בין ניי געבוירן.
כ'זאַמל איין די אוצרות,
וואָס מיר האָבן אין וואַנדער פאַרלוירן".

„שטרומאַ״

ס׳איז אַ שיף אָפּגעשוואומען פון ברעג
אין אַ שפּעטער שעה.
אַנטקעגן איר — אַ ווייטער וועג
און אַ הימל בלאָ.

גלידער פון משפּחות אָפּגעריסן,
אויף שיף מיט זיך — זיי פּעלן.
ווער קאָן זאָגן, ווער קאָן וויסן,
צי נייע היים וועט די וואונד פאַרהיילן ?

שווימט די שיף — פּאַוואָליע, שווער,
מיט האָפענונג געלאָדן.
שלינגט די לופט איין טרער נאָך טרער
און פאַרשווענקט דעם באָדן.

קומען שעה׳ען און זיי גייען,
יעדע שעה — אַן אייביקייט.
עס קאָרטשעט זיך דער ים פון ווייען,
ס׳איז צום ברעג נאָך ווייט . . .

אינעם לאַנד פון די אבות
געפינען וועלן זיי אַן אָרט.
ברידער וועלן מיט אָפענע אָרעמס
אויפנעמען די וואָגלער דאָרט.

הערן קינדערלעך זיך צו
מיט מויל און אויערן אָפן ;
ווערטער וויגן איין אין רו,
און זיי ווערן אַנטשלאָפן.

בלייבט שטיין די שיף ביים ברעג
פון לאַנד דעם געגאַרטן.
איז געקומען אַ באַפעל :
„אומזיסט דאָ אייער וואַרטן !״

פרעמדע מענטשן ? — פרעגן אידן, —
און זיי גאַפּן און זיי שטוינען.
דאָס בלוט פון צאָרן הייבט אָן זידן
און ברעכט זיך מיט געוויינען.

צי דאַרף מען ערשט דערמאָנען,
אַז וועג צוריק פאַר וואָגלער — איז ניטאָ ?
וואו איז יושר ? ביי וועמען מאָנען ?
אַזאַ ביטערע די שעה !

שטייט די שיף פאַראַנקערט שווער,
אָן אָנגעלאָדענע מיט פּיין ;
מאַמעס שלינגען טרער נאָך טרער :
וואָס וועט איצטער זיין ?

עס איז אַ געזאַלצענער דער ים
און אַ ביטערע די נויט.
ס'לעשט פון אויגן זיך דער פלאַם
אין אָנגעזיכט פון טויט.

קליינע קינדער אינעם וואָגל
ווערן שטאַרק, ווי גרויסע מוטיק.
טאַטע־מאַמעס צער, ווי אַ שווערער האָגל,
האָט יונגע הערצעלעך צעבלוטיקט.

שווייגן בלויע ליפּן, טרוקן,
עס בעט קיין עסן ניט אַ קינד.
אַלע בליקן שטילע צוקן —
אַהין, וואו ס'טרייבט די שיף דער ווינט.

פאָרט די שיף — אָן שום פּלאַן,
פון אַנגסט געטריבן — אַהער־אַהין.
עס ווערט קראַנק דער קאַפּיטאַן
פון אַרומפירן די שיף אָן זין . . .

מאַמעס טרייסטן בלייבע קינדער, —
און טאַטעס העלפן צו.
עס קאָן באַווייזן זיך אַ וואונדער
יעדן טאָג — יעדע שעה . . .

צי זיינען טאַקע אַלע וועגן
פאַר אידן־וואָגלער פאַרשטעלט ?
אפשר פּרוּאוון, אפשר פרעגן
ערגעץ אַנדערש אין דער גרויסער וועלט ?

הערצער אָנגעפילט מיט צאָרן
שטיקן טיף אין זיך די שאַנד,
וואָס אַ חלום גייט פאַרלאָרן
פון אַן אייגן אידיש לאַנד.

ס׳איז מסתם באַשערט אַזוי,
אונדזער גורל דעם טערק פאַרטרויען . . .
נעמט דער הימל פון טיף גרוי,
זיך עטוואָס לייטערן אויף בלויען.

— ווען די נאַכט פאַלט צו
פאַרט די שיף פּאַוואָליע.
געפינען אידן אַ טראָפּן רו
אין שטילן קלאַפּן פון די כוואַליעס.

לאַנג געדויערט ניט די רו,
שווער און שוואַרץ גייט די נאַכט.
פון העלער הויט, פון ערגעץ־וואו, —
צי האָט זיך עס ניט אויסגעדאַכט ?

ווייזערס ווייזן פונקט אויף צוועלף, —
טויטע שטילקייט אומעטום.
קומט אַ שטים — ווי טויזנט וועלף
וואָלטן איצט געטאָן אַ ברום:

„ניטאָ קיין פּלאַץ — אומזיסט
געוועז איז אייער קומען!"
פאַר די אויגן אַזוי וויסט —
טרוקן ווערט דער גומען . . .

וועלן מיר אין טיפן ים
אויף אייביק גיין פאַרלאָרן?
צי וויל עס גאָט אַזוי זיך סתם
אונדז טויטן מיט זיין צאָרן?

קומען טעג — מיט הונגער, קעלט,
און די שיף פאָרט ווידער אום.
שטום און טויב איז די וועלט, —
ווי סע איז דער בלוטיקער אַרום.

מ'האָט חשבון פירן שוין פאַרגעסן:
וויפיל וואָכן, וויפיל טעג, —
וויפיל פון דער עדה פעלן
אויפן וואַנדער־וועג . . .

ווי אַ דונער פונעם הימל
אויפגעריסן האָט די שיף.
די גאַנצע עדה אין געווימל
זינקט — אין מורא'דיקער טיף . . .

יאָגן כוואַליעס ווי אַ וויכער,
טיפן גרוב — שוואַרצן פלעק, —
צו פאַרדעקן גיכער, גיכער,
איידער ס׳גייט די נאַכט אַוועק.

וואַנדערט אום דער שוואַרצער צייכן
וואו די וועלט האָט נאָר אַן עק.
אַלע ימים פון אים וויכן
אין גליוועדיקער שרעק.

וועלן זיך לעגענדעס וועבן, —
די „שטרומאַ" גוט געדענקען;
ווי לאַנג נאָר אידן וועלן לעבן —
דעם חטא דער וועלט וועלן זיי ניט שענקען!

ברודער מיין

צווישן די פֿעלדן פֿון די שטערן
זע איך טריפֿן דײַנע טרערן.
עס דערציילט דער ווינט וואָס לויפֿט אַרום,
אַז דײַן גומען איז דיר שטום . . .
כ'זאַפּ דײַן שטילן אָטעם אין זיך אַרײַן —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זײַן.

דורך די פּאַסן לבנה־ליכט
גלעט איך ציטערדיק דײַן בלייך געזיכט.
אין דײַנע אויגן — שטילע, גרויע, —
וואָס זײַנען איצטער פֿול מיט טרויער
זינקען מײַנע טיף אַרײַן —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זײַן.

אין אַנגסטן ציִען זיך די נעכט, —
וואָס דיר איז איצט באַשערט . . .
ס'אייגן לעבן אויסהאַלטן איז שווער,
אויף אַלע וועגן דײַן געוויין איך הער.
כ'נעם דײַן מידן קאָפּ אין מײַנע הענט אַרײַן —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זײַן.

כ'לייג צו די ליפּן צו דײַן קאַלטן שטערן,
און כ'רייד צו דיר — קאָנסט ניט הערן . . .
ווי בלײַ איז שווער די לופֿט.
דאָס שווײַגן שרעקט און שטראָפֿט.
עס צאַפּלט זיך מײַן האַרץ פֿאַר דײַן —
וואו דו זאָלסט אַצינד ניט זײַן.

מלחמה וויג-ליד

שלאָף, מיין קניד, מיין איינציק קינד,
שלאָף אין רו, שלאָף איין!
איבער וועלט — אַ שטורעם־ווינט
וויל אויסלעשן די שיין.

אויף אַלע רחבות'דיקע וועגן
קרבנות וואַלגערן זיך אום;
צעטראָטן ליגט דער וועלט'ס פאַרמעגן
און מיין וואָרט איז שוואַך און שטום.

שלאָף, מיין קניד, מיין איינציק קינד,
שלאָף אין רו, שלאָף איין!
כ'וואָלט וועלן זינגען דיר אַצינד
ווי דו וועסט אַ העלד מיר זיין.

ווי דו וועסט — אַ יונג מיט ביינער —
פון דיין מאַמעס וויג־ליד לאַכן;
דערוויילע קינד — אוצר שיינער —
איבער דיין קאָפּ קאַנאָנען קראַכן . . .

שלאָף, מיין קינד, מיין איינציק קינד,
שלאָף אין רו, שלאָף איין!
איך היט און שיץ דיך אַצינד,
שטעל פאַר דיר דאָס לעבן איין.

דו זאָלסט אויסוואַקסן מיר גרויס,
די שונאים זיך אַנטקעגנשטעלן
דיין טאָג — וואָס קומט פון פינצטערניש אַרויס —
וועט אויפלויכטן אויף דיינע שוועלן.

אין מיין אוקראַיניש שטעטל פּרילוקע

אין מיין אוקראַיניש שטעטל פּרילוקע
האָט מיט צוואַנציק יאָר צוריק
פּעטליורע, דעניקין און קאַלטשאַק,
אידישע קעפּ געהאַקט.
מיט צוואַנציק יאָר צוריק
האָבן ווילדע היידעמאַקעס
מיט מיין טאַטנס גסה־חלף
אויסגעקוילעט אינעם שטעטל אַלע בעסטע זין, —
אַז ס'איז מיין טאַטע שיר פון זינען ניט אַראָפּ דערפון.
דענסטמאָל זיינען נאָך קיין עראָפּלאַנען
אונטער מיין שטעטלס בלויע הימלען ניט געפלויגן,
נאָר מאַמעס, ווי מיט שפּיזן —
האָבן די לופט געשטאָכן מיט זייערע צעשראָקענע אויגן.
ווייל אויף די אידישע טעכטער האָט געלויערט טויט.
און וויפיל מאַמעס —
האָבן מיט אייגענע אויגן די שאַנד צוגעזען,
און לעצטן אָטעם אויסגעהויכט אין געוויין? . . .

מיט צוואַנציק יאָר צוריק
האָסטו, שטעטל מיינס,
ביז איבער די קני זיך געוויקט אין בלוט.
אָבער שפּעטער —
ווען דאָס בלוט האָט אָפּגערונען
און אַלע טייכן זיינען מיט דיינע טרערן איבערגעפלאָסן,
האָסטו אַלע חשבונות אָפּגעשלאָסן.
מיט דיין יעדן צעוואונדיקטן גליד
געהאָלפן האָסטו אויפבויען
אַ נייעם מענטש און אַ נייעם איד.
דיינע יונגע זין זיינען אויסגעוואַקסן מיט אַ גלויבן,
אַז קיין טויזנט שלאַקסן האָבן זיי ניט געקענט צעבויגן.
דיינע טעכטער האָבן די צעפּ געשוירן
און די דורות לאַנגע צניעות'דיקייט פון פּנים אָנגעוואוירן.
זיי האָבן די אַרבל
עט־עט איבער די עלנבויגנס פאַרקאַטשעט,
און דאָס לעבן
מיט גאָר אַן אַנדער טייטל געטייטשט.

שטעטל מיינס,
דורכגעוואונדיקט מיט די ווייען פון דער וועלט,
ביסט ווי אַ רעגנבויגן
ווידער אויפגעגאַנגען אינעם גרויסן הימל.
האָסט דערלעבט צו זען
פעלדער פולע מיט ברויט,
האָסט באַוויזן אויף חרוב'ע שליאַכן
נייע וועגן אויסברוקירן, —
און איבער זיי — מיט געהויבענעם קאָפּ —
אַ ניי לעבן צו פירן.
דיך האָט בערגעלסאָן פאַראייביקט:
דיינע זין און טעכטער אין זיינע שריפטן
זיינען ליכטיקע צייכנס פאַרבליבן.
איך האָב פון דערווייטנס,
מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם
זיך צוגעהערט צו דיינע לידער . . .
און געגלייבט, אַז די בלוטיקע צייט
איז פון דיר אויף שטענדיק שוין אַוועק.

און איצט —
מיט צוואַנציק יאָר שפּעטער, —
ווען ס'האָבן אַזויפיל וואַסערן שוין פאַרשווענקט דאָס בלוט,
און אַ נייער מענטש געזאַלט האָט אויפשטיין
פון אונטער די חורבות וואו דער טויט רוט, —
איז ווידער אַ שונא דיך באַפאַלן,
און מיט טמאה דיין לייב געטראָטן . . .
אַמאָל, מיט צוואַנציק יאָר צוריק,
ווען איך בין אין מיין אומוויסנדיקייט — אַ קינד,
אין טירן אויפגעבראָכענע געבליבן שטיין
און טרערן צוגעזען,
האָב איך דעמאָלט, אין מיין אומוויסנדיקייט — אַ קינד,
כאָטש מיט עפּעס געקאָנט לינדערן די וואונד.
ס'האָבן מאַמעס נאָך אַביסל וואַסער מיך געשיקט
און איך האָב פאַר'חלש'טע ליפּן דערקוויקט.
דענסטמאָל —
אין מיין אומוויסנדיקייט — אַ קינד,

בין איך איבער הייזער אומגעלאָפן,
אומעטום דעם אומגליק אָנגעטראָפן,
און ניט פאַרשטאַנען דעם שונא'ס גרויסע זינד . . .
שפּעטער, אָבער, ווען די שוואַרצע נאַכט
האָט די לעצטע שפּורן פון פּאָגראָמשטשיקעס צוגעדעקט,
האָב איך אַ פּונק האָפענונג אין הערצער אויפגעוועקט
מיט דער בשורה, אַז „זיי"
האָבן דערגרייכט אונדזערע טויערן, —
און מער
וועט די געפאַר פון טויט אויף אונדז ניט לויערן.
און אַצינדערט, שטעטל מיינס,
וואָס גיב איך דיר צושטייער?
אַ חוץ אַ נישטיקן אַך און ווי
אויף דיין פאַרשטיקט געשריי?
אַ חוץ אַ געקוילעטן מיין גלויבן —
אַז ס'איז דער מענטש דערהויבן? . . .
אַ חוץ גלאַט אַ וואָרט פון טרייסט,
אויב ס'קען מישטיינס געזאָגט צו נוץ דיר קומען.
ווען די לופט איז מיט דינאַמיט און מענטשנס ווייען אויפגעריסן,
און דיינע טייכן מיט בלוט טוען ווייטער איבערפליסן,
צי וועסטו מיר פאַרגעבן, שטעטל מיינס,
אויב כ'וועל די פּאָר ווערטער פאַר דיינעטוועגן זאָגן?
איצט — אין טיפן חושך פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט
לויכטן די מעשים פון דיינע העלדן ווי גאָט'ס וואונדער.
איצט — טראָגט זיך ווייט אַריבער דיין חרוב'ער ערד
אַ ניגון — דינער און שאַרפער פון אַ שווערד.
אַ ניגון — וואָס יאָרטויזנטער געזונגען האָבן קינדער,
אַ ניגון וואָס לעבט אייביק,
ווי דאָס לעבן אין יעדערן באַזונדער;
אַ ניגון —
וועגן יענעם טאָג וואָס קומט —
ווען ס'וועט דער מענטש
די חיה אינעם מענטש — באַזיגן.

שיפן

(וועגן די שיפן אויף די נעמען פון די אַרבעטער־פירער)

וואוהין פאָרן שיפן אויפן ים
אין אַ צייט פון גרויס געפאַר ?
פאַרוואָס האָבן קינדער פון מיין שטאָם
דערלעבט אַזאַ מין שכר ?

וואָס האָבן זיי דער פאָן
צושטייער אַזוינס געגעבן, —
אַז זייערע נעמען אויבנאָן
זאָלן זיך ווי לעגענדעס וועבן ?

אָ, זיי האָבן מיט וויסן און מיט גלויבן,
מיט מוט און שווערער מי
צו בלויע הויכן זיך דערהויבן,
אויפגעגאַן אין רייפן בלי.

זיי האָבן מיט דער פאָן און איר געבאָט, —
און פון דעם מענטש דעם ברודער, —
אויסגעפורעמט אַ נייעם גאָט
און אים געשטעלט ביים רודער.

דערפאַר די פאָן פון מענטשן פריי —
מיט זייערע נעמען אַצינד,
פלאַטערן אין זעלבער ריי
געקושט מיט ליבשאַפט פונעם ווינט . . .

ס'פירן שיפן הויפנס גליק
דער מידער וועלט אַוועק.
און אַז ס'רייצט געפאַר מיטן בליק,
פאַרטרונקען זיי אין ים די שרעק.

ס'איז זייער האַרץ — פון שטאָל און אייזן,
דאָס בלוט — הייסער בליי וואָס גליט.
די הונגעריקע — מיט ברויט וועלן זיי שפּייזן,
און די שונאים — מיט דינאַמיט!

פאָרן שיפן אויפן ים,
שפּאַלטן כוואַליעס אויף צוויי.
פינקלען נעמען פון מיין שטאַם —
פאָרט מיין האַרץ אויך מיט מיט זיי . . .

איבער געטאָ — די פאָן

העלדישער חלוץ, עס קען דיר דער קוילער ניט גרייכן.
ביסט ווי דער סנה — וואָס ווערט ניט פאַרברענט.
די בלוי־ווייסע־פאָן, אַזאַ פלאַמיקער צייכן —
אין סכנה פון טויט — האַלטסט מיט גבורה אין הענט.

די געטאָ ברענט — ס׳ברענט אידיש לעבן,
דער קיום פון פאָלק איז געשטעלט אין קאָן.
איז ניטאָ איצט קיין העכערער שטרעבן —
ווי די גלויביקע, אייביק ווייס־בלויע פאָן.

די געטאָ ברענט — מיט יללות פון קינדער,
ס׳רייסט אויף די ערד, ס׳האָגלט מיט בליי.
עס ווערן פאַרטיליקט די רוצחים, די שינדער,
דער אויפשטאַנד אין געטאָ איז אַרויס אויף דער פריי!

די געטאָ ברענט — זאָל וועלט זיך דערוויסן!
געענוג שוין געלעגן אונטער נאַצישער רוט.
אויב עס איז דאָ נאָך מענטשלעך געוויסן,
זאָל ער זיך אָנצינדן מיט חלוצישן מוט.

אויב ס׳איז דאָ נאָך אידישער גלויבן, —
און גלויבן איז דאָ — עס איז אָן עדות די פאָן.
עס וועט אונדזער ערע דער נאַצי ניט רויבן
שרייט דער חלוץ פון געטאָ, — דער קאַמף הייבט זיך אָן!

„תמות נפשי עם פלישטים” — באַצאָלן
זאָלן די מערדער מיט זייער בלוט,
פאַר ברידער וואָס ליגן אין גאַז־קאַמערן געשוואָלן, —
פאַר זיי — וועמען קעמפן האָט אויסגעפעלט מוט . . .

פאַר די נשמות פון לעבן דעם יונגן,
וואָס דרייען זיך אום — ווי שדים אין טאַנץ, —
האָט אונדזער צאָרן אַזוי זיך צעזונגען,
פלעכטן מיר פון בלוט און פלייש איצט אַ קראַנץ . . .

מיר שרייבן דער וועלט מיט בלוט אַ צוואה אַ נייע:
פֿאַרטרונקען מיט נקמה — זאָל זיך יעדער דור.
אין דער נאַכט פֿון פּסח — אַזאַ מין „באַפֿרייאונג"
פֿאַר אידן „מלכים" — פֿון צוויי טויזנט יאָר . . .

אָ, העלדישער חלוץ! דו לעצטער, דו ערשטער,
אין פֿייער פֿון געטאָ — דיין געשטאַלט אויבנאָן.
אין דער גרויליקער שעה, פֿון קאַמפֿן די שווערסטע, —
דו וויקלסט דיין לעבן אין בלוי־ווייסער פֿאָן.

צופאַל

ווי איז מיר, ברודער,
וואו ביסטו איצט, וואו ?
ווי אַזוי קאָן איך ריידן צו דיר,
אַז כ׳רוף אָן דיין נאָמען
דערהער איך מיליאָנען
ענטפערן אָמן
צו מיר.
כ׳בין אַזוי רייך איצט אין ברידער,
איך צייל זיי און צייל זיי, —
זיי ליגן מיט טויט אין די אויגן,
מיט סם אין די גלידער . . .
זייערע נשמות
ווי שימות פון הייליקע ספרים אין ווינט.
און איך בין אַזוי ווייט און געזונט,
און איך בין אַזוי ווייט און צופרידן,
כ׳בין דאָך אויך אַ טייל פון די אידן.
ווער האָט מיך געשוינט, ווער ?
אַ, זאָג, געזאַלצענע טרער !
ווי אַזוי איז עס פּאַרט
וואָס איך בין דאָ
און דו — דאָרט ?
אַ צופאַל ?
דאָס לעבן מיט אונדז האָט אַ שפּיל זיך געטאָן ?
די שפּיל —
שוין טויזנטער יאָר ווי זי גייט אַזוי אָן . . .

אָ, ברודער, מיין ברודער!
ווער שטייט דאָרט אַצינדער
מיט דיר ביי דעם רודער
און לאָזט ניט די שיף צו די גרונטן אַראָפּ?
ווער לעשט איצט דאָס פייער מיט אייגענעם בלוט,
אין לעצטער — אין ערשטער מינוט?
זאָג! — און זאָג אָן,
אין די מינוטן די הייליקע, שווערע,
כ׳וויל הערן! גערעדנקען!
עס וועלן די דורות
— די נייע —
ניט שענקען, ניט שענקען!

זייף

מיין קינד —
וואָס האָט לאַנג געוואַשן זיך די הענטלעך
און ווייך געריבן איינס אין אַנדערן
מיט זייף,
איז פּלוצלינג שטיל געבליבן,
זיך פאַרטראַכט —
און באַלד געפרעגט:
„מאַמע, פון וואָס מאַכט מען זייף?"
כ'האָב געהערט, און ניט געענטפערט.
דאָס האַרץ האָט קלאַפּן אָנגעהויבן,
און ווי צוואַנגען
האָבן זיך די ליפּן איינס אין אַנדערן פאַרקלעמט.
כ'האָב זיך פאַר מיין קינד פאַרשעמט . . .
— כ'ווייס ניט!
— אַמאָל —
האָט מען געמאַכט פון פעטס, פון . . . פון וואָס ניט?
ווערטער האָבן זיך אָפּגעריסן אינדערמיט.
— און היינט?
— און היינט, —
— היינט פון אידן! . . .
כ'האָב געוואָלט צוריקכאַפּן דאָס וואָרט,
נאָר ס'איז געווען צו שפּעט.
מיין קינד האָט זיך צעשמייכלט און געזאָגט:
„דו ווייסט ניט וואָס דו רעדסט!"

א אידישע בריגאַדע

אַ אידישע בריגאַדע —
אַזאַ מאָדנע וואָרט.
די ראַדיאָס, די צייטונגען,
די וועלט די גאַנצע —
האָט אויפגעקאָכט.
כ׳ווייס ניט, צי פון גליק,
צי פון טשיקאַוועס,
וואָס צו דער צאָל
איז צוגעקומען נאָך אַ בריגאַדע.
איך נאָר,
צו אַלדע גוטע יאָר,
פריי זיך ניט,
ניט מיטן וואָרט און ניט מיט זיין באַדייט.
פאַר מיר,
ווי אַן אָפענע וואונד,
ליגט אָפגעדעקט די גרויליקע צייט.
איך הער די שטים פון מיין פאָלק
און זע די טרער,
וואָס טריפט פון דער פאָן.
פאַרוואָס רופט מען מיך ביים פולן נאָמען ניט אָן!
דערפאַר,
ווייל ס׳איז געפאַר?
פאַר וועמען?
אָ, האַרץ מיינס,
הער־אויף צו קלעמען!
פרעגסט שוין צוויי טויזנט יאָר
און נאָך איז דיר ניט קלאָר? . . .
ביזט אַ שפּילצייג
אין שטאַרקע הענט.
די וועלט — פאַר דיינע אויגן
ווי אַ דאָרן ברענט.
ווילסט זי ראַטעווען מיט לייב און לעבן,
דאָס טייערסטע, וואָס דו פאַרמאָגסט,
צושטייער געבן.

זאָגט מען דיר מיט אַ רואיקן געוויסן:
אויף אַלע שלאַכטפעלדער
מעגסט דיין בלוט פאַרגיסן,
נאָר ניט אונטער דיין פאָן
קאָנסטו אַזעלכעס טאָן.
מען זאָגט דיר:
דיין בלוט איז הייס ווי ביי אַלע פעלקער,
און פונקט ווי זייערס — רויט.
פאַר דיר איז פריי אין אַלע צייטן דער טויט.
אָבער דאָס לעבן —
פאַר וועמען דו ביזט שטאַרבן גרייט —
אויף דעם ביזטו ניט דער גאַנצער באַלעבאָס.
אַט־דאָס, זאָגט מען דיר,
דאַרף ביי אַ גרינעם טיש
געוואויגן און געמאָסטן ווערן;
ס'דאַרף די וועלט דיר ערשט דערקלערן,
צי ביזטו יאָ, צי ביזטו ניט קיין פאָלק.
פאַרשטייסטו מיך, די וועלט —
מ'דאַרף זיך פירן מיט אַ טאָלק...
דריי איך צו די ראַדיאָ
און כ'פאַרמאַך די צייטונג.
ס'איז פון מיין פרייד
גרעסער מיר דער ווייטיק.
כ'לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ,
פרעס צונויף די ליפּן —
כ'טראַכט:
וויפיל יאָרהונדערטער וועט מען נאָך
דאַרפן אַזוי אָפּשטופּן?
ביז איך — ניט מיין געביין,
נאָר מיין נשמה, די אידישע, די פולע,
וועט זיך קאָנען פרייען מיט דער פרייד
פון אמת'ער גאולה?
ס'איז שטיל, קיין ענטפער הער איך ניט,
נאָר ס'ברויזט דער ווינט.
ס'איז מיר אומעטיק
און ס'איז מיר פריילעך —
פאַרגיב מיר, גאָט, די זינד!

ווייסע נעכט

ווייסע נעכט — עמערס שיין אַרום מיין קישן.
איר קענט די פּלעקן
פונעם טאָג מיר נישט פאַרווישן.
ווייסע נעכט —
דורך אייער שטילן צויבער
קוקט אויף מיר געשפּענסט פון רויבער . . .
ווייסע נעכט —
עס ווייקט די ערד אין בלוט ביז גריבער,
ווי שפּאַן איך די אָפּגרונטן אַריבער ?
וואו זאָל איך אַהינטאָן מיין בטחון
דעם נאַקעט הוילן, —
אַז איבער מיין קאָפּ
אַזויפיל גרוילן, אַזויפיל גרוילן ?

דוואַיט דייוויד איזענהאַוער

לעגענדע — אין מענטשלעכער געשטאַלט.
ס'האָט היינט איעדער שטיינדעלע אין גאַס
מיט דיר געשאַלט.
האַרץ מיט האַרץ
האָט זיך אין יום־טוב
מזל־טוב אָפּגעגעבן.
אַ לויב געזונגען פאַר דיין לעבן.
אַ ים פון גריסנדיקע הענט
האָט דיך אַרומגענומען.
ליכט, וואָס בלענדט
פון מיליאָנען אויגן,
האָט אויף דיר געשיינט.
עס ווייסט דאָס פאָלק פון פעלקערשאַפטן
ווי אויפצונעמען אַ פריינט!
דיין זיגרייך קומען, —
די פיינען, די פאַרדראָסן,
פון פרייד —
האָט ווי אַ דאַמבע אויפגעריסן . . .
שטימען פריידיקע, ווי כוואַליעס,
האָבן דיך געטראָגן און באַגלייט
איבער דער לענג און ברייט
פון אונדזער שטאָט ניו־יאָרק.

וואו נאָר דו ביזט פאַרבייגעגאַנגען,
האָט מיט טויזנט אויגן
געקוקט צו דיר
איעדער פענצטער און איעדע טיר.
האָסט צוריקגעגריסט —
מיט אַ פּנים — טויזנט חנ'ען.
צו די הערצער פול מיט יובל,
צו די הערצער פול געוויינען . . .
האָסט צוריקגעגריסט —
מיט אַ שמייכל — טיפע פרייד.
גליק פון מעשים — ניט פון רייד.

ווייל ניט פון וואָרט איז איצט די צייט,
ניט פון קלאַנג —
ס'איז די צייט פון נייעם גאַנג
איצט איבער גאָרער ערד.
און דו —
שיינער זון פון אַמעריקאַנער פאָלק,
בלוט און פלייש
מיט פרייען גלויבן אויסגעקנאָטן,
האָסט דעם נייעם וועג באַטראָטן . . .
מיר —
אַ קינד פון אַ גע'רודפ'ט פאָלק —
האָסטו אומגעקערט אינעם מענטש דעם גלויבן.
פאַר אַזאַ גליק גאָר
עס פעלן ווערטער צום לויבן.
וואו זאָל איך נעמען איצטער לויבגעזאַנגען ?
אַז זיי זיינען
מיט מיינע ברידער, קדושים,
אין די טויט־לאַגערן אויסגעגאַנגען.
סיידן צופאַלן צו דער ערד,
קושן זי מיט טרערן —
זאָל גאָט אַליין דערהערן
ווי עס וויינט די פרייד
און דער טרויער קוועלט.
אַזוי פיל בלוט־פלעקן אויף דער וועלט . . .

נאָר איצט איז יום־טוב —
און דאָס האָרץ גייט איבער.
ביזט אונדזער גרויסער גאַסט,
אונדזער דוד הגיבור !

צום לעצטן העלד

אין גאָלד וועט די זון קניען פאַר דיינע פיס,
הימלען —
וועלן בלויע שמייכלען דיר אַנטקעגן טראָגן,
מיט שטאָלץ
וועט די ערד אויפנעמען דיינע טריט,
ווען דו —
דער לעצטער העלד פון שלאַכט —
וועסט זיך אומקערן אַהיים.
אין דיינע אויגן וועט פינקלען פייערדיקער געמיש:
פרייד פון דיין זיג —
שנאה צו קריג!
דיינע עקשנות'דיגע ליפּן וועלן דערציילן:
פון באָמבעס, האַרמאַטן, עראָפּלאַנען, —
וואָס זיינען באַשאַפן געוואָרן פאַר נאָבעלע טאַטן . . .
פון יונג־פאַרלאָרענע לעבנס,
פאַרגליווערטע ריטשקעס בלוט . . .
נאָכמער וועט דיין צונג זיך רייסן דערציילן,
וועל איך אַ שטילע זיך בעטן ביי דיר:
גענוג!
ניט פאַרשטער די מינוטן פון גליק.
כ'האָב לאַנג, אַזוי לאַנג —
געוואַרט אויף דיין קומען צוריק . . .
לאָז מיין האַרץ זיך זעטיקן מיט פרייד.
כ'וועל טיילן מיין פרייד מיט געליטענע מענטשן פון קריג, —
און ווי אַ מאַמע, אַ שוועסטער, זיי טרייסטן.
גרויסער יום־טוב וועט זיין אויף דער וועלט, —
בלייבן וועט דער יום־טוב אויף דורות צעהעלט
אין יענעם טאָג
ווען דו —
דער לעצטער העלד פון שלאַכט —
וועסט צו אַ בייעם לעבן
זיך אומקערן א היים!

מיין שטאָלץ

ס׳טוט מיר ווי דאָס האַרץ אויף דיר, —
כ׳זע דאָס לעבן
בויגט דיך,
ברעכט דיך.
ביסט דאָך מיין אויג אין קאָפּ.
כ׳האָב דיך גע׳ירשנ׳ט
פון מיין טאַטן און מיין זיידן, —
דיך אין מיין בלוט געכאָוועט —
ווי אַ גליד פוןביידן.
זייער שכינה האָט אויף דיר גערוט.
אַ לעבן לאַנג —
מיין וועגווייזער ביסטו געווען.
דורך אַלע שטרויכלונגען
מיך געהאַלטן ביי דער האַנט,
און דעם גאַנג פאָראויס מיר אָנגעצייכנט.
קיינמאָל האָסטו זיך מיט מיר צערעכנט.
ווי אַ מאַמע
תמיד שטאַרק געווען,
תמיד גוט.
ווייל דיין באַרוף
איז מוט!
און איצט, —
אויב דו זאָלסט זיך, חלילה,
דאַרפן ברעכן, בויגן,
וואָלט איך בעסער שוין אויף שטענדיק
געוואָלט צומאַכן די אויגן, —
דיך ניט זען אומקומען, מיין שטאָלץ,
ווייל צי האָט אַ לעבן דען אַ טעם
אָן ברויט און זאַלץ?

II

ווענען גייט עס אָן?

דעם טאַטן האָט מען צוליב חובות
לאַנג שוין אויסגעשלאָסן פון פאַראיין.
ביי די קינדער האַלטן זיך די הויזן
קוים אויף דאַרע הויט און ביין.

איז ווענען גייט עס אָן וואָס די זון
שיינט אין נאָוועמבער ווי אין מאַי, —
אַז אין שטוב איז קאַלט, ליידיק, און די מאַמע
קען שוין מער ניט אויסבאַהאַלטן דאָס כליפּעריי?

אַרבעט

פּאַלעס און פּאַסן געפּאַקטע,
אַלץ שטיקלעך און ברעקלעך צעהאַקטע.
געצייכנט, געריבנט, — צעשאָרן.
דערפֿון דאַרפֿן קליידער דאָ ווערן געבאָרן.

קריגסטו אין האַנט אַזאַ בינטל,
איז פֿליבק ווי אַ זומערדיק ווינטל
צעיאָגן זיך פֿינגער אויף שטומער מאַשין,
און ס׳לעבט שוין די אַרבעט, ס׳האָט שוין אַ זין.

צעוויגט זיך מאַשין, און ס׳צעוויגן זיך הענט,
דו זעסט ווי די אַרבעט צעפֿלאַקערט, צעברענט.
פֿילסט קוים, און ווייסט קוים, ווי איינציקע טיילן
פֿאַרלירן זיך, ווערן ניט, פֿעלן.

און בשעת עס ווערן די קליידער געבאָרן,
ווערסטו אַליין אינגאַנצן פֿאַרלאָרן.
ס׳וויגט זיך דיין גוף צום טאַקט הין־צוריק,
און ס׳קען קוים דערכאַפּן די נאָדל דיין בליק.

יאָך

אין פריער שעה שטיי איך אויף,
די פליכטן מאָנען — מי.
כ׳צי׳ דעם יאָך אויף זיך אַרויף
ווי די ערד איר בלי.

עס וואַשט די לופט מיט פרישן טוי
דיינע פאַרטערטע אויגעלעך אויס,
ווען אין באַגינען טיפן בלוי —
איך פיר דיך, קינד, פון שטוב אַרויס.

מיינע טעג — ווי פרישע רויזן,
כ׳טראָג אַוועק פאַר דיר.
די אברים מיינע תמיד ברויזן
מיט טויזנט פייערן אין מיר.

געיאָגט פון אימפּעט אין דער ווייט
גאַנצע טעג אַרום.
און אין פרעמדער נאַענטקייט
בליט מיין בלום . . .

איך קום דיך אָפּנעמען פאַרמאַטערט, מיד,
מיט דיין נאָמען — אויף מיין גומען.
קלינגט דיין שטים ווי אַ ליד:
די מאַמע איז געקומען!

פאַלן טרערעלעך אַראָפּ,
בריליאַנטן אין מיין שויס.
כ׳נעם אַרום דיין העלן קאָפּ
און קוש אים דורשטיק אויס.

ווערט די שעה פון נאַכט געגאַרטער,
מיין בלויער חלום אויף דער וואָר.
און דער יאָך — אַן אויסגעטראַכטער, —
אַ וואָרט אַזאַ מיין נאַר . . .

„מאַמע, כ׳האָב דיך ניט ליב"

מיין אינגעלע איז יונג, שפּילעוודיק,
און הונגעריק נאָך פרייד.
וויפיל אמת, וויפיל ווייטיק,
ליגט אין זיינע קורצע רייד ?
„מאַמע,
פאַרוואָס פירסטו מיך צו יענער פרוי ?
זי האָט אירע קינדער.
איך וויל זיין מיט דיר —
מיט דיר באַזונדער !"
„איך גיי אַוועק פון שטוב פאַרדינען צוליב דיר !"
קוקט מיין אינגעלע מיך אָן
מיט צוויי פאַרטרערטע אויגן.
צווישן זיין פאַרשטיקט געוויין
רייסט זיך אַרויס אַן אמת :
„מאַמע, איך האָב דיך ניט ליב !"
זיינע רייד טוען אַ ברי —
ווי אַנגעגליטער אייזן.
אומזיסט —
אומזיסט מיין אמת אים באַווייזן . . .
גאַנצע טעג —
ביי דער מאַשין געבויגן,
זע איך צוויי פאַרטרערטע אויגן . . .
„מאַמע — כ׳האָב דיך ניט ליב !"
דריי איך שטאַרק און שטאַרקער נאָך די ראָד,
ווי איך וואָלט ביי איר זוכן גנאָד.
שטעפּ אַריין אין יעדן נייעם קלייד
מיין קינד׳ס בענקעניש נאָך פרייד.
מיט אַיעדן שאַרפן שטאָך
לעבער דורך
דעם יום־טוב פון מיין וואָך.

אין אַ טאָג פון מי

אַזוי אין אַ טאָג אין אַזאַ מין פון מי
שפּאַנסטו אַהיים מיט מידקייט אין קני,
קומט דיר אַנטקעגן די גאַס פול מיט לעבן, —
קענסטו צושטייער איר מער גאָרניט געבן . . .

ס'טאַנצט דיר דאָס ליכט מיט צויבער אַנטקעגן,
עס קוועלן די פענצטער מיט שפע, מיט פרייד.
צוימסטו דיין בליק, ער זאָל ניט דערוועגן
אויסקלייבן פאַר זיך אַן עלעגאַנט קלייד.

ווי ס'וואָלטן די קליידער — געשאַפן מיט דיין מי,
געוועזן פאַר עפּעס אויסטערלישע גלידער.
און דו — ווי אַ פרעמדער פון ערגעץ ניט הי
גייסט פאַרביי — דו ביסט דער שמידער . . .

מיין שער

מיין שער איז ניט פאַרזשאַווערט,
זי איז נאָר אַש קאָליר.
יאָרן לאַנג האָבן מיר זיך געחבר׳ט, —
איז זי איצט אַ טייל פון מיר.

ווען כ׳נעם מיין שער אין האַנט,
דערזע איך זיך ביי דער מאַשין.
ווען יעדער שנייד אינעם געוואַנט
געהאַט האָט גאָר אַן אַנדער זין.

ווען יעדער שניט מיט שאַרפן מעסער
האָט ווי געזאַנג אין לופט געקלונגען.
געגנייט האָבן זיך די קליידער בעסער —
ווען מאַשין מיט רעדער האָבן צוגעזונגען.

געווען איז מיין שער — ווי באַלייטן:
מיט דער מי אינאיינעם האָט זי געבליט.
איצטער זיינען אַנדערע צייטן, —
נישטאָ קיין זריעה פאַר איר שניט . . .

ליגט מיין שער ביי מיר באַהאַלטן, —
און מיט איר — מיינע טעג פון מי.
עס ווייעט פון איר מיט אָטעם קאַלטן,
ווי זי וואָלט אַ פרעמדע געווען פון ניט הי.

סע בלאַנקען אירע שאַרפע שפּיצן,
די רונדע אויגן ריידן צו מיר שטיל:
שוין אַזוי לאַנג ווי מיר פלעגן טוצן
קליידער שאַפן ווי אַ שפּיל!

כ׳פלעג אויף דיר געהאָרכזאַם וואַרטן
ביז ווּעסט אין די פרימאָרגנס קומען.
אין די לאַנגע שטילע אויפדערנאַכטן, —
מיט פרישן כוח זיך אָנגענומען.

איצט — איז דער כוח מיר דערווידער!
עס גאַרט מיין שאַרף — נאָכן שניט.
איך ווער פון וואַרטן מיד און מידער, —
יענע צייט — זי קומט מער ניט.

קוק איך אויף מיין שער די מאַטע,
צערטל זי — און קלער:
ס׳וועלן געוויס נאָך קומען יאָרן זאַטע
פאַר דעם מענטש און פאַר דער שער.

III

טעג

טעג פון טרויער — שטילע ווייען,
טעג וואָס גייען און ניט פאַרגייען.

טעג פון זוכן און ניט געפינען,
טעג וואָס האָבן ניט קיין זינען.

טעג אין טראַכטן טיף פאַרבאָרגן, —
טעג מיט ציטער פאַרן מאָרגן.

טעג מיט באַנג פאַרן נעכטן,
טעג — אין אייביקע געפעכטן.

צו מיין קינד׳ס פיר יאָר

זעקסאונצוואַנציק יאָר אַליין
מיינע פרילינגען געפרילינגט.
ניט איינער איז געוועזן אַזוי שיין
ווי די — וואָס האָבן אונדז פאַרצווילינגט.

אַ וואָרט אַזאַ

אַ וואָרט — וואָס איז דער זין פון זינען,
אַ וואָרט — וואָס אייביק ליגט אויף דעם דער טוי פון באַגינען.
אַ וואָרט — כ׳האָבדיכליב — וואָס איז ווי דער פרילינג יעדן מאַי
תמיד פריש — תמיד ניי.

און אַז איך רו . . .

און אַז איך רו — איז עס דען גערוט ?
ס׳רוישט כסדר מיט דיר מיין בלוט.
ביסט פאַרוועבט אין מיין געביין, —
מיט דיר מיין געזאַנג און מיין געוויין.

מיין שוואַרצאַפּל

אַזאַ קלאָרער, אַזאַ לויטערער הימל,
און די וועלט — אַזוי טרויעריק אַצינד.
איך בין וואַך — און כ'זע דיך אין דרימל, —
מיין שוואַרצאַפּל — בלויער מאָרגן — מיין קינד!

כ׳בין אויף דיר ניט בייז

כ׳בין אויף דיר ניט בייז, ווי קאָן איך עס דען זיין?
אין דיינע אויגן זינקען מיינע אַריין.
און ווי אין אַ קוואַל וואָס פליסט קיל, —
רוען זיי און לייטערן זיך שטיל.

דאָס גרעסטע געבעט

אַלע מיינע חלומות ווייסן צו דיר דעם גאַנג . . .
פון אַלע מיינע טרוימען — ביסט דאָס שטיל געזאַנג.
פאַר אַלע מיינע ספיקות — ביסט דער צאַרטער גלעט.
פון אַלע מיינע וואונטשן — דו דאָס גרעסטע געבעט.

דיינע קושן

דיינע קושן — זייגען קושן.
מיינע — ליבע־ווייען.
דיך — זיי זעטיקן און פרישן ;
מיך — זיי פייניקן — און פרייען.

ביי זיך אַליין

כ׳בין ביי זיך אַליין גאָר חשוב׳ער געוואָרן.
ביי זיך אַליין — גאָר שענער.
וואָס אין גאַנג פון מיינע יאָרן, —
כ׳האָב אויסגעקליבן דיך פון אַלע מענער.

פרילינג-ערד רופט

כ'בין פריי, פול מיט זאַפט אַצינד,
קום, מענטשן-קינד, —
דורך דיין באַריר
באַהעפט מיט מיר.

געלע בלעטער

אין רעש פון געלע בלעטער —
כ׳הער דעם געיאָמער פון דער וועלט.
וואו זיינען אַלע געטער
וואָס דער מענטש האָט אויפגעשטעלט ?

אין שטורעם-צייט

אין שטורעם-צייט איז מען ניט מילד, ניט שיין.
טעג, ווי בייזע כוואַליעס, קומען און פאַרגיין.
פון שטילן לעבן — נאָר אַ שאָטן אין זכרון.
עס דריקן שווער די טריט פון נייע יאָרן.

וואַרטן וועל איך

וואַרטן וועל איך וואַרטן אַ לעבן לאַנג
און זינגען וועל איך זינגען מיין געזאַנג.
מעג די ערד אונטער מיינע טריט ווי ברענען, —
וועל איך לערנען מיין האַרץ ליב האָבן קענען.

צו אַ פריינט

זיינען מיר געגאַנגען צוויי, —
אין מיטן — דער טרויער.
דער טאָג,
האָט ווי אַ גוטע מאַמע, אונדז יעדן אבר אויסגעקושט.
און דו מיין פריינט,
האָסט די לופט געשניטן מיט דיין פאַרשטיקט געוויין.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי.
אַנטקעגן אונדז
אַזויפיל מער.
קיינער האָט ניט אויסגעווישט דיין טרער.
האָט דיין טרער זיך פאַר דער וועלט פאַרשעמט,
און איז צווישן אויגנדעקלעך געבליבן צוגעקלעמט.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי,
געמיינט אַז מיר שווייגן . . .
די זון —
האָט פאַר אונדזערע אויגן געטאַנצט און געלאַכט,
ווי ס׳האָבן דיינע טרוקענע ליפּן
איינס דאָס אַנדערע געפּרעסן.
פון דיין ברוסט, —
שטיקער טרויער,
אַלטער זשאַווער,
האָט זיך געבראָכן אויף דער פריי.
זיינען מיר געגאַנגען צוויי,
און זיך געטרייסט:
עס איז דעם מענטשנס ליידן כלל ניט ניי.
אויף רוישיקער גאַס,
האָבן ווי אַקאָרדן אָפּגעקלונגען דיינע טריט.
אין טיפן שווייגן
האָט זיך געלייטערט דיין געמיט.
זאָל עס זיין אַזוי, מיין פריינט!
נעם צונויף די פּערל, —
שטילע שעה׳ען פון אונדזער גאַנג,
צערטל זיי און טראַכט:
עס קומט אויף בלויער מאָרגן
נאָך יעדער אָפּגייענדיקער נאַכט.

דו . . .

דיינע אויגן — הייסע קויל,
האָבן מיינע אויפגעגליט.
ווערטער אינעם מויל
האָבן זיך אָפּגעריסן אינדערמיט.

דיין פּנים בלייך ווי שטענדיק
האָט מיט אַזויפיל העלער ליכט געשטראַלט.
אַז געוואָרן איז מיין בליק אָפּהענטיק,
און פאַר פרייד — מיין האַנטדרוק קאַלט.

האָסט געקוקט אויף מיר מיט שמייכל און געשוויגן.
איך האָב געפּלאָפּלט — האַלבע רייד.
ליפּן האָבן שווייגנדיק אויסגעזונגען אַ ניגון
וועגן צוויי מענטשנס ליכטיקן באַשייד.

מיר זיינען נאָענט געווען איינס פון אַנדערן, —
און שטיל פון נאָענטקייט געקלערט . . .
איך דיינע שוואַרצאַפּלען האָסטו געלאָזט מיך וואַנדערן
צו אַזאַ ווינקל אויף דער ערד, —

וואו די הימלען תמיד בלויען,
און די לופט איז לויטער, קיל.
וואו מ׳קאָן דעם ווינט זיך אָנפאַרטרויען
און זאָגן, זאָגן אַזויפיל . . .

קיינמאָל נאָך ווי היינט

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט דער וואַלד אַזוי געשמעקט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט איז דאָס פעלד געוועזן אַזוי אָפּגעדעקט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט די לופט אַזוי געצויבערט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט זיך פון ווינט מיין קאָפּ אַזוי צעשויבערט.

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט די שטילקייט פון דער נאַכט אַזוי גערעדט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן אויגן אַזוי מאַמעדיק געגלעט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן מיינע טריט אין גאַנג אַזוי געשוועבט.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָב איך דאָס לעבן אַזוי לעבעדיק געלעבט.

קיינמאָל נאָך ווי היינט האָבן מיינע גלידער איינציקווייז געזונגען.
קיינמאָל נאָך ווי היינט האָט אין יעדן קלאַנג דיין נאָמען אָפּגעקלונגען.
קיינמאָל נאָך ווי היינט בין איך אויף שטיינערנעם וועג געגאַנגען אַזוי
גלאַט, —
קיינעם נאָך ווי דיך האָב איך אַזוי ליב געהאַט.

ניט-גערעדטע רייד

וויפיל מאָל האָב איך זיי שוין פון דיר געהערט?
אַלץ נאָך ניט גענוג.
אַזויפיל קלאַנגען אין דיין שטים.
און דו מיינסט —
דו האַלטסט אַ סוד פאַרבאָרגן . . .
דו פילסט ניט,
און דו הערסט ניט,
ווי דיינע רייד צעזינגען אין מיין בלוט,
און מיר איז גוט,
וואָס דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן.
כאָטש אַלע חושים וואַכן אויף
אָנגעשפּיזט צו הערן, —
איז מיר גוט
וואָס דו האָסט ניט וואָס צו זאָגן —
גוט ביז טרערן . . .
און כ'האַלט דעם אָטעם איין,
כ'ציטער,
ס'זאָל אַן אַנדער וואָרט
חלילה פון דיין מויל ניט פאַלן.
ס'זאָל ניט אויסלעשן זיך דאָס ליכט,
וואָס שטראַלט פון ניט-גערעדטע רייד.

***

כ׳בין צו דיר געקומען
מיט אמת אויף מיינע ליפּן.
מיט אַ האַרץ — ריין ווי בלומען,
און בלוט וואָס שטראָמט דורך די ריפּן . . .

כ׳בין דיך געקומען בענטשן,
מיט ווערטער לויטערע באַקרויינען.
האָסטו מיך אויפגענומען — ווי מ׳נעמט אויף אַ מענטשן, —
מיט העפלעכקייט געזוכט באַלוינען.

כ׳האָב גערעדט מיט שטילן ציטער,
געוואָלט אַ צייכן דיר געבן . . .
און דו — אַ פּאַכמאַן אַ געניטער,
האָסט גערעדט פון תוך־זאַכן אין לעבן.

כ׳האָב געקוקט אויף דיר מיט בליק מיט העלן,
דורשטיק דיין געשטאַלט געשלונגען.
האָסטו ניט געהערט דאָס בלוט מיינס קוועלן
און געלאָזט די פרייד אין מיר פאַרזינקען.

לאַנג האָבן מיר גערעדט, —
אָן לעבן, און אָן קלאַנגען . . .
דער זייגער האָט דערמאָנט: ס׳איז שפּעט! —
זייַנען מיר אין גאַס אַרויסגעגאַנגען.

די זון האָט אונדז באַגעגנט — זי האָט געלאַכט.
ניט פון קיינעם, — פון מיין בטחון.
אַ לויטערן האָב איך אים צו דיר געבראַכט, —
איצט — ווי נאָך אַ יום־טוב, איז ער גרויער אינדערוואָכן.

אַ וואָגשאָל שטעל איך אויף...

איך שטעל אַ וואָגשאָל זיך אויף.
און וואָס לייג איך דאָרט ניט אַרויף?

פון אַלע טעג וואָס כ׳קען געדענקען,
גאָרנישט ניט צו שענקען.

כ׳נעם די בליקן דיינע מילדע,
מיט די רייצונגען די ווילדע, —

מיט סאַרקאַזם, לייכטן שפּאַס,
און מיט ווייכקייט — מיט גענאַד.

אַלע דיינע גערעדטע רייד:
די פון טרויער און די פון פרייד.

די — אין לויטערקייט צעהעלטע,
און די — מיט ביטערקייט פאַרשטעלטע.

רייד — מיט העפלעכקייט מיט שטילער,
און מיט ליבלעכקייט אַפילו.

רייד — מיט אָטעם קורצן איינגעהאַלטן, —
באַגער וואָס רייסט זיך דורך ציינער־שפּאַלטן...

כ׳נעם די בליקן — טיפן טרוים —
מיט הענט זיי אָנצורירן קוים.

און לייג זיי אויף דער שאָל אַוועק,
דעק זיי צו מיט אַ האַרץ פול שרעק.

כ׳צייל זיי איבער, אָבער, ווידער,
מיינע שענסטע לידער...

מיט אַמאָל — דאָס בלוט נעמט ברויזן,
ס'וויגט אַ שטורעם מיינע רויזן . . .

פאַר די אויגן שווינדלט וואָרט און בליק,
וואָס קאָן ווערן שיר ניט גליק.

און ווידער וואָרט, און ליידיקייט, —
וואָס וואָרט ביז היינט נאָך אויף באַדייט.

וואו־זשע איז דאָס וואָרט דאָס אייגנע ?
ס'וויגט די וואָגשאָל ווערטער שיינע . . .

פילקאָלירנדיקע ווי אַ רעגנבויגן
טאַנצן זיי מיר פאַר די אויגן.

און ס'פרעגט דאָס האַרץ : איז עס דאָ ?
און ס'זאָגט די וואָגשאָל : ס'איז נישטאָ !

האָסט געוואויגן און געמאָסטן,
ס'וועט דער שפּיל דיך טייער קאָסטן !

אָ, ניט קיין שפּיל איז עס ביי מיר,
נאָר ווייען שטילע פון אַ שיר, —

וואָס שרייבן — שרייב איך אים אַליין,
און זינגען — כ'זינג אים מיט געוויין.

כ׳האָב דיך באַגעגנט

כ׳האָב דיך באַגעגנט אַזוי אומגעריכט —
דו חלום פון מיין יוגנט.
דיין קאָפּ צעשויבערט, ווי אַ קאָרן־פעלד,
ליכטיקער טרויער אין דיין בליק.
האָסט מיין נאָמען אָנגערופן,
און איך דיינעם.
צוויי שטילע אַקאָרדן האָבן אין דער לופט געשוועבט.
פאַר מיינע אויגן
זיינען שטיין געבליבן צוועלף לעבעדיקע עדות:
יאָרן —
אין פרייד און טרויער אָנגעקליידט.
האָסט קורץ געפרעגט:
„פאַרהייראַט?״ „שוין אַ קינד?״
און באַלד —
„וועגן זיך דאָס נעמלעכע צו הערן!״
אונדזערע הענט
האָבן פון די רייד אַליין זיך אויפגעבונדן
און געבליבן הענגען ווי פאַרשעמט . . .
אין דרויסן
האָט די זון געהאַלטן זיך אין זעצן,
אויף דיין פּנים
האָט אַ לעצטער שטראַל זיך אָפּגעשטעלט,
און רויט צעשפּילט זיך אויף געמיט.
האָסט געשמייכלט,
צווישן דיינע ציינער האָט געראַנגלט זיך אַ וואָרט,
האָסטו עס מיט לעצטן אָטעם איינגעהאַלטן,
ווי דו וואָלסט עס זיך אַליין ניט אָנגעטרויט.
האָב איך
מיט מיינע דורשטיקע אויגן
דאָס וואָרט פון דיינע ליפּן אויסגעזויגן, —

און ווי מיט אַ האַמער האָט דאָס האַרץ
עס צוגעקלאַפּט צו מיין געביין.
לאַנג האָבן מיר געשוויגן.
די צוועלף לעבעדיקע עדות
האָבן געשפּרונגען פאַר די אויגן
געבריצט דאָס בלוט מיט פּיינלעכע פאַרדראָסן;
דורך איינגעהאַלטענעם אָטעם
האָט זיך סוד מיט סוד צונויפגעגאָסן.

אַזוי ווײל איך דיך געדענקען . . .

אַזוי ווײל איך דיך געדענקען:
אין דײנע טריאומף־טעג, —
ווען פון מאַרמאָר און גראַניט
געפּלאַסטערט איז געווען דײן וועג.
איעדער טראַט —
געווען איז געבאַט.
דײן בליק —
אַ בריק
צווישן וואָרט און טאַט.
דו אַלײן
דער קאָמאַנדיר און דער סאָלדאַט.
אין דײן קעניגרײך —
פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג,
האָט זיך געטורעמט דײן פאַרלאַנג.
פאַר מיר —
אַ גאָט ביסטו געווען.
דורך דיר —
די וועלט האָב איך געזען.
אינעם ליכט פון דײנע אויגן
איז אויפגעגאַן מײן רעגנבויגן.
און ווי אין ימים׳ס טיפן, —
האָבן זיך פאַראַנקערט דאָרטן מײנע שיפן . . .
דו — דער קאַפּיטאַן; —
איך — דײן אונטערטאַן.
נאָר אין מײן ליד אַצינד —
גלײך אויף גלײך זײנען מיר פאַראַן . . .

מיר שרעקן זיך דעם אמת צו דערציילן

מיר מיידן אויס איינס דאָס צווייטע,
ווי ס'מיידט אויס דער טאָג — די נאַכט.
מיר זיינען תמיד צוויי צעשיידטע, —
און תמיד — איינס מיטן אַנדערן פאַרטראַכט.

מיר קליגערן זיך כסדר מיט רייד,
יאַטערן אַ וואונד — ניט צו פאַרהיילן.
טרינקען גאַל — אַנשטאָט פרייד, —
און שרעקן זיך דעם אמת צו דערציילן . . .

איך בענק

איך בענק נאָך יענעם אָוונט,
נאָך דער שפּעטער שעה, —
וואָס האָט מיט שטילקייט גערעגט.
איך בענק נאָך די טונקעלע גאַסן,
וואָס האָבן זיך געבעטן
מיר זאָלן שפּאַצירן איבער זיי . . .
דיין בליק
האָט געצויבערט און געגלעט, —
און די ווייזערס אָן רחמנות
האָבן געוואָרנט : שפּעט !
בין איך אַ היים אַוועק.
באַגלייט האָט מיך
דיין פּיבערישע נאָענטקייט ביז צום טיר.
און איצט —
בענק איך נאָך דיר, —
נאָך דעם ליכטיקן קאָשמאַר.
איך בענק נאָך דיין געשטאַלט,
וואָס האָט ביים שיין פון ליכט
אויסגעפּעלט אויף מיין טראָטואַר . . .

⁂

אויף מיינע ליפּן רייפן טרויבן, —
קושן זאַפטיקע פאַר דיר.
כ׳באַהאַלט זיי אויס מיט טיפן גלויבן,
ווי ס׳באַהאַלט עשירות אויס דער גביר.

סע איז מיין בליק אַ שטראַל געצונדן,
וואָס לעשט זיך נאָר אין דיינעם אויס.
און מיין האַרץ — איז אויפגעבונדן
דיך אַרומנעמען די גרויס . . .

ווען איך בין לעבן דיר

ווען איך בין לעבן דיר איז דער הימל פון דער ערד ניט ווייט.
ווען איך בין לעבן דיר איז די גאַנצע ערד אַ בלומען־בייט.
ווען איך בין לעבן דיר איז דאָס פעלד, דער וואַלד, גרינער.
ווען איך בין לעבן דיר איז מיין שטים, מיין אָטעם, דינער.

ווען איך בין לעבן דיר איז אַזויפיל ליבע אויף דער ערד פאַראַן.
ווען איך בין לעבן דיר איז צו דער זון אַן איינציקער שפאַן.
ווען איך בין לעבן דיר איז דער הימל דורכזיכטיקער, בלויער.
ווען איך בין לעבן דיר איז אַ גאָלדענער שפינוועבנס מיין טרויער.

ווען איך בין לעבן דיר איז מיין בליק אַן אָנגעצונדענער שטראַל.
ווען איך בין לעבן דיר פליסט די פרייד ווי פון אַ קוואַל.
ווען איך בין לעבן דיר איז טאָג און נאַכט איין לויטערער קאַיאַר, —
ווען איך בין לעבן דיר זינגען אַלע מיינע יאָר!

⁂

ס׳איז בלויער אָונט געווען,
און איך בין שפּילעוודיק געווען ווי אַ קינד.
דערנאָך — האָט די שפּעטע נאַכט צוגעזען,
ווי ס׳האָט מיך אַהיים באַגלייט אַ שטורעם־ווינט . . .

די לופט האָט שטיל געשוויגן,
צוגעהערט ווי ס׳וויינען טויזנט באַנגען.
כ׳האָב ניט געקענט מיין האַרץ פאַרוויגן, —
ס׳איז פול געווען מיט ווייי־געזאַנגען.

גאָט אַליין — לאַנג האָט שוין גערוט.
יעדער ווינקעלע האָט דערציילט: ס׳איז שפּעט!
נאָר איך צו דיר — אין מיין בלוט
דורך מיילן פיין האָב גערעדט . . .

פרעגסט

פרעגסט צי כ'האָב נאָך דיר געבענקט
די אַלע יאָרן לאַנג.
נו, פרעג איך דיך: ווער געדענקט
פון אַ לעבן פרייד און באַנג?

בענקען איז ניט ווייס אויף שוואַרץ,
אַ חשבון מיט אַ שורה אונטערציען.
ס'איז דאָס בלוט וואָס טרייבט דאָס האַרץ, —
און דאָס פייער מיט וואָס די אויגן גליען.

וועסט ניט קומען צו מיר . . .

כ׳האָב מיין שטוב היינט אויפגערוימט
ציכטיקער ווי אַלע מאָל.
כ׳האָב דאָ אַזוי דיך אויסגעטרוימט,
אַז פון יעדן ווינקל רעדט דיין קול . . .

כ׳האָב היינט די לאָמפּן אָנגעצונדן
העלער ווי אַלע נאַכט.
און די פלאַטערדיקע שטונדן
כ׳האָב געשלונגען — און געוואַרט.

כ׳האָב מיין בליק אַריינגעקלאַמערט
אין דער שטומער טיר —
נאָר דאָס האַרץ האָט אויסגעהאַמערט:
וועסט ניט קומען צו מיר!

און דו הערסט ניט ווי איך זינג . . .

מיט דיינע אויגן זע איך מיינע גלידער.
דורך דיינע בליקן קוק איך צום הימל אַרויף.
פֿאַר דיר זינג איך מיינע שענסטע לידער, —
און איך סילעווע זיי ווי אַ בייטשל קרעלן אויף.

איך טו זיי אָן און פּאַס זיי צו צו מיין יעדן קלייד.
מיין גאַנג מיט זיי איז ווי אַ פּעדער גרינג.
די זון מיט אירע שטראַלן איז אַן עדות פון מיין פרייד;
און דו — דו הער ווי איך זינג! . . .

חרטה

איך ווייס —
איך האָב דיר ווײ געטאָן, מיין פריינט.
איך ווייס —
ניט פון נעכטן, ניט פון היינט,
פליסט אַ סם אין מיינע ביינער,
און מיט אַלע חושים פון מיין לעבן
האָב איך דעם סם מיינעם פיינט.
ער איז דער שאָטן פון מיינע בלויע טעג,
דער צייכן צו אַ קרומען וועג.
האָט ער היינט געפירט מיך אָט אַהין, —
און ס'איז געווען מיין וואָרט
דער גיפט
און ניט דער האָניק פון דער בין.
איך ווייס, מיין פריינט,
ווי שטאַרק
איך האָב דיר ווײ געטאָן היינט.
נאָך מער ווי דיר
האָט דער סם צעבערענט דאָס אייגענע געמיט, —
אַז כ'ווייס ניט ווען אַנבאָטן חרטה —
וועמען פריער אויסהיילן דעם שניט.

איך וויל

איך וויל דו זאָלסט איינמאָל קושן מיינע אויגן,
ווי עס קושט דער פרילינג־ווינט די צווייגן.
דיין קאָפּ צו מיינעם אָנגעבויגן, —
אויפגעלייזט אין טיפן שווייגן.

איך וויל דו זאָלסט נאָך איינמאָל גלעטן מיינע ברעמען,
מיט הענט אַזעלכע קילע — הוילע זייד.
מיט דיינע פינגער מיינע האָר צעקעמען
און די וואָרצלען אָנטרינקען מיט פרייד.

איך וויל דו זאָלסט נאָך איינמאָל אין אַ נאַכט אַ בלויער,
האַלטן מיך אַרומגענומען נאָענט, הייס.
דערציילן מיר פון גאָלדענע שעה'ען,
און איך וועל ענטפערן: — איך ווייס!

***

כ׳האָב גענומען מיין צונג — זי באַלאָדן מיט רייד,
געמיינט עס וועט דיך דערפרייען מיין פרייד.

כ׳האָב גענומען מיין פייער וואָס אין יעדן גליד,
געלאָזט פאַר דיר אויפגיין ווי שורות פון ליד.

כ׳האָב גענומען דעם ברויז פון מיין יונגן לעבן,
געוואָלט אים דער ליבע צושטייער דיר געבן.

געגאַרט האָב איך צו זען אין דיין בליק אַ ציטער,
וואָס זאָל מיך אַ ברען טאָן ווי פייער צעגליטער . . .

האָסטו גענומען מיין לעבן — עס צעשניטן אויף צוויי,
אוי, עס טוט אַזוי וויי, עס טוט אַזוי וויי . . .

אין וואַלד

ס׳איז איצט ניט שפּעט,
און דאָס גראָז איז ניט פייכט, —
נאָר עמיץ אין מיר רעדט:
„ס׳איז אַ לעבן ניט אַזוי לייכט!״ . . .

די פינצטערניש לויכט העל,
פון אַלעמען איז אַצינד די ליבע ליבער.
איך גיי דעם גאַנג ביי דער שוועל,
נאָר עמיץ אין מיר זאָגט: „טרעט ניט אַריבער״.

די שטילקייט זינגט און וויינט.
די טריט ווי קינדער טאַנצן.
נאָר עמיץ פון מיר לאַכט: „האָסט געמיינט
דער ווילן איז דער מענטש אינגאַנצן״ . . .

נאָר דו . . .

נאָר דו —
קאָנסט זאָגן
אַזויפיל ניט־געשטויגענע זאַכן
וועגן מיר, —
און טראַכטן אַז איך גלויב,
אַז איך אַליין זאָג יאָ אויף דעם.

נאָר דו —
קאָנסט מיט וואָרט
מיר ווי טאָן ביזן ביין.
(נאָך גוט, דו ווייסט עס ניט אַליין.)
און איך קאָן הערן, שווייגן,
אַפילו ניט אַ ריר טאָן מיט אַ ברעם.

נאָר דו —
קאָנסט אַזוי ריידן,
און איך, מיט אַ האַרץ פון שטיין, —
קאָן איינהאַלטן די טרערן,
וואָס ווילן דורך געוויין,
אויסשרייען דעם גבורה׳דיקן ניין!

אָבער איך וויין ניט
און איך ווער ניט בייז,
ווייל כ׳ווייס:
אַ מענטשן איז אַמאָל פאַרבלענדט די שיין.
אָבער דאָס ליכט, —
דערפאַר —
צי הערט עס ליכט דען אויף צו זיין?

***

צי זיצסטו אויך אַזוי ווי איך
און שלינגסט די שעה'ען ווי אַ מעדיצין ?
און זוכסט אין ליידיקייט ביי זיך
פאַר דער בענקעניש אַ זין ?

צי שוועבט אויך מיין געשטאַלט אַרום
פאַר דיר אַציגד אין קלאָרן פורעם ?
און צי צערטלסטו זי ווי אַ בלום
און באַהאַלטסט זי אויס פון שטורעם ?

צי ציילסטו אויך די שעה'ען איבער
און אין ציילן מיד דו ווערסט, און מידער.
און דו פרעגסט און פרעגסט זיך איבער :
פאַרוואָס האָבן אויפגעהערט די לידער ?

⁂

כ׳האָב געוואָלט אויסטאָן זיך פון טרוים,
מיין האַרץ איינוויגן צום שלאָפן.
בין איך פאַרבייגעגאַנגען אַ בוים,
האָט ער דערמאָנט: דאָ האָבן מיר זיך געטראָפן.

כ׳האָב געוואָלט דיך אויסוואָרצלען פון מיין געביין,
אינגאַנצן אָן דיר פאַרגעסן,
האָט דערציילט אַ ווייסער שטיין:
אָט־דאָ זיינען מיר געזעסן!

כ׳האָב געוואָלט דאָס לעצטע מאָל דריקן דיין האַנט,
אויף שטענדיק זיך מיט דיר געזעגענען,
האָב איך אויף גאַסן אומגעשפאַנט,
האָבן די פוסטע גאַסן מיר געזאָגט: וועסט אים נאָך באַגעגענען!

אַ דערמאָנונג

איך דערמאָן זיך
ווי מיר זיינען יונג געווען
און פלעגן תמיד שווייגן
ווען מיר האָבן זיך געזען.
איצטער שווייגן מיר אויך, —
נאָר יעדערער פאַר זיך.
איך בענק נאָך דיר —
דו ווייסט עס ניט, מיין פריינט.
ס׳איז ווי אַמאָל
פאַר דיר אַ סוד דער היינט.
אפשר טראַכסטו אויך אַזוי ווי איך
וועגן אונדזערע פרילינג־טעג,
ווען יעדע שעה — מיט צאַרטן חן
האָט אָנגעגאָסן יונג געביין ?
ס׳דערמאָנט דער פרילינג מיך
וועגן דיין געשטאַלט.
און טראַכט איך נאָר וועגן דיר
איז עס סיי־ווי פון פרילינג.
דו ביסט
ווי אַ זיידענער זילבער־שנור
אַריינגעוועבט אין מיינע שוואַרצע האָר.

אין אָט־דער נאַכט דער שטילער

איך קוק אויף דיר צום לעצטן מאָל
און דו ווייסט עס ניט אַפילו.
צווישן אונדז — אַ טיפֿער טאָל, —
און אַ נאַכט אַ שטילע.

איך רייד צו דיר דאָס לעצטע וואָרט
און דו הערסט עס ניט אַפילו.
אין אָנדענק בלייבן וועט דאָס אָרט, —
און די נאַכט די שטילע.

איך גיי מיט דיר דעם לעצטן גאַנג
און דו פֿילסט עס ניט אַפילו.
סע וויינט אין מיר אַ שטיל געזאַנג, —
אין דער נאַכט דער שטילער.

דו שמייכלסט צו מיר דאָס לעצטע מאָל
און דו ווייסט עס ניט אַפילו.
גוט איז ליבער דיר און וואויל, —
אין אָט־דער נאַכט דער שטילער.

דו זאָגסט

דו זאָגסט, —
ווען דו זעסט מיך ווערסטו ניי געבוירן.
די ערד צעברענט אונטער דיינע טריט.
אַלע האָריזאָנטן ווערן פֿאַרלוירן
אין שיין פֿון מיין געמיט.

דו זאָגסט, —
אין מיין שטים זינגען יונגע טעג.
ס׳אָטעמט מיין געשטאַלט מיט רייפֿע שפּורן.
סע שניידט אַריין מיין בליק זיך ווי אַ שאַרפֿע זעג
אין דיין לייב און לעבן, אין דיין קנויל פֿון יאָרן.

דו זאָגסט, —
ווען דו זעסט מיך, מעג איך ריידן, שווייגן,
אַלץ איינס בין איך פֿאַר דיר אַ פֿרישער קוואַל.
קאָנסט דערמאָלט אין די הויכן שטייגן
און קיין ווי ניט פֿילן אינעם שטאַרקסטן פֿאַל.

דו זאָגסט, —
און איך פֿאַרנעם אַלע דיינע רייד.
אין האַרץ ביי מיר גייט אויף אַ שטילער באַנג.
איך ווייס: אין דעם געפֿינסטו פֿרייד, —
און איך — נאָר הער אַ וויטןווידערקלאַנג.

אויף אַ שיף

עס וויגט די שיף פּאַמעלעך, וויגט זיך הין און צוריק.
אין טיפעניש פון וואַסער זינקט אַריין מיין בליק.

כ׳האָב זיך מיט דיר געזעגנט, אַוועק מיט גיכע טריט
מיטגענומען מיט זיך דיין שמייכלדיק געמיט.

די לופט איז לויטער דאָ, ס׳שמעקט דאָס וואַסער פריש.
אויף מיין באַק נאָך פלאַמט דיין לעצטער קוש . . .

די זון — זי וואַרעמט אין נאָכמיטיק שעה, —
דיין שמייכל איז מיט מיר, נאָר דו ביסט דאָ ניטאָ.

און דער ים — ער שפּאַלט זיך איצט אין צווייען,
ווי ער וואָלט געשפּרייט פאַר אונדז סאַמעט גרינע אַלייען.

ביסטו ניטאָ, מיין ליבער, געלאָזן מיך אַליין.
דאָס וואַסער אונטער שיף — שטיקט זיך מיט געוויין . . .

דעם ים מיין סוד — איך טרויע אָן אַצינד.
אויסלעשן מיין בענקען קאָן מיר ניט דער ווינט.

וואָלסטו, מיין ליבער, איצט געזעסן ביי דער זייט,
וואָלט גרינג געווען דער וועג — נאָענט געוואָרן די ווייט . . .

וואו ביסטו איצטער, וואו ?

איך גיי אַרום דאָ נאָכאַנאַנד,
גלעט די גראָזן און די בלומען.
כ'ווייס — דו האָסט דאָ אַרומגעשפּאַנט
איידער איך בין אָנגעקומען.

איך גיי אַרום אויף ברייטע וועגן,
איבער מיר — דער הימל בלוי.
ס'דוכט זיך — אַלע גראָזן פרעגן:
נאָך וועמען בענקסטו עס אַזוי?

קנאָספּ און בלאַט אויףביימער שמעקן,
די לופט איז לויטער, קיל.
קאָן איך וועמען דען אַנטפּלעקן
אונדזער צולהכעיס שפּיל?

פייגל זינגען אין די צווייגן,
און גיבן ניט קיין רו...
כ'האַלט דעם אָטעם איין אין שווייגן: —
וואו ביסטו איצטער, וואו?

מיינע בריוו

אַזויפיל ניט־געשריבענע בריוו
ליגן אין מיין האַרץ־אַרכיוו.

אַלע טאָג — אַ נייער אות.
שטילער צער — פּאַרדראָס,

אַ טראָפּן פרייד, אַ פונק פון גליק,
אויפגעכאַפּט אין דיין בליק.

קלאַנג פון וואָרט, אַ געדאַנק,
ווי אַ יאָרצייט־ליכטל צאַנקט

און דערמאָנט: יעדע רגע, יעדע שעה,
אין מיין לעבן ביסטו דאָ.

אַזויפיל ניט־געשריבענע שורות,
אויפגעשטראַלטע ווי גוטע בשורות

ציִען זיך צו ווייס פּאַפּיר, —
מאָנען תיקון ביי מיר . . .

שרייב איך דיר אַ שורה־גריסל
יעדן טאָג אַביסל.

אַלע טאָג — מיט פרייד און שרעק
כ'שיק דיר בריוו אַוועק.

איך צייל די טעג, איך צייל די נעכט, —
אַלץ קיין ענטפער ניט געהערט . . .

מיינע בריוו — האָסט זיי ניט געלייענט;
אין פרייד און טרויער כ'האָב זיי אויסגעוויינט.

מיינע בריוו — כ'האָב זיי ניט געשריבן, —
זיי זיינען פונקט ווי דו — ביי מיר אין האַרץ פאַרבליבן.

פון דאָרף

די קו אין פעלד, דאָס פערד אין שטאַל,
דאָס קלאָרע וואַסערל פון קוואַל.

ס׳געזשום פון בלעטער, די פרישע ערד,
דאָס געזאַנג פון זשאַבעס אין די נעכט.

דאָס גראָז, די בלום, דער עפּל־בוים,
דער טאָל און באַרג אין וויטן רוים.

די הון אין שטייג, דאָס קוואַקעריי,
די בין, די פליג, דאָס זשומען פריי.

די פייגעלעך אויף יעדן בייט,
דאָס קינדערשע געוויין פון ערגעץ וויט.

אַלץ דערמאָנט מיך איצט אין דיר,
ס׳בענקט מיין גליד נאָך דיין באַריר.

עס רופט די וויט מיך אַלע צויבערן אַריבער
אַהין — וואו דו געבליבן ביסט, מיין ליבער.

אַ בילד

ס׳ליגן בערג אויסגעשפרייט — דעם הימל מיטן האַנט צו דערלאַנגען.
דאָס קלאָרע טייכל רוישט — די לופט צו פאַרטויבן מיט די קלאַנגען.
מיט ריחות שמעקט די זומער־נאַכט.
אויפן שליאַך שפּאַנען מיידל־בחור אין רעיונות פאַרטראַכט.

ביים וועג שטייט אַ שטוב אין שווייגן איינגעטונקען.
פאַרט פאַרביי אַן אויטאָ מיט צוויי פייערדיקע פונקען.
הויבט זיך אויף דער שטויב און פאַרבלענדט די אויגן.
אויפן שליאַך שפּאַנען זיי — קאָפּ־צו־קאָפּ געבויגן.

פייער־פליגעלעך ציגדן זיך אין אָוונט־שפּיל.
אין לופט הערט זיך דאָס גרילצן פון אַ גריל.
שמעטערלינגען פליען אום — ווילן איינס דאָס אַנדערע דעריאָגן, —
אויפן שליאַך שפּאַנען זיי — צוויי וואַרעמע הערצער שלאָגן . . .

אַלע ביימער אין דעם וואַלד — שטילע שטייען,
הערן איין זיך ווי זיי גייען,
ווי זיי וויגן זיך מיט שווייגן, ווי זיי שוועבן,
ווי זיי זינגען אויס אַ ניגון פון אַ ליבע מיט אַ לעבן.

פאַרנאַכט בײַם ים

װי שײן סע איז פאַרנאַכט בײַם ים, —
מענטשן זײַנען זױבערע און שטילע.
אין די אױגן אײַנגעדרימלט איז דער פלאַם
און ס'נעמט אַרום אַ װאַרימקײט אַ קילע.

װי שײן ס'איז פאַרנאַכט בײַם ים, —
דו זעסט אַ טאָג אַ גאָלדענער פאַרגײט.
דער הימל נעמט אַרײַן די װעלט אין בלױער ראַם,
און דו װערסט מיט צױבער אָנגעקלײדט.

װי שײן ס'איז פאַרנאַכט בײַם ים, —
דײַן אָטעם שלינגט די קילע לופט אַרײַן.
דיר דוכט, ביסט אַ טײל פון טיפן ים, —
און װי ער װילסטו אײביק זײַן.

לעאָנאַרד בערנשטיין

(צו דער אויפפירונג פון זיין סימפאָניע „ירמיה")

ווי שיין דו ביסט!
דיינע יונגע אברים —
סטרונעס אָנגעצויגענע, —
טענער מוזיקאַלישע — זייער יעדער ריר.
דיין ברוינער פּנים — לענגלעך,
אָנגעגאָסן מיט טויזנט חנ'ען.
דיינע ליפּן
עקשנות'דיק פאַרפּרעסט,
אָט עפנסטו זיי אויף,
שעפּסט פון אייגענער טיפעניש,
פון דיין נשמה, אָן זיך,
און דו קילסט זיך אָפּ . . .
דיינע טענער —
ווי זיי כוואַליען זיך אין לופט,
און אָטעם הייסער, אָפּגעהאַקטער
כאַפּט זיי אויף.
הערצער זינגעוודיקע
שיקן דיר צוריק אָפּ שמייכלען
דורך בליקן בליציקע און דורשטיקע,
וואָס ציען זיך צו דיין געשטאַלט.
דיינע טענער — און דו —
אַ גאָט־געבענטשטע פּאָר.
ליכטיקע עדות
פון צוויי טויזנט מאַרטירערישע יאָר.
עדות — אַז אַ פאָלק
וואָס האָט אַזעלכע קינדער געבאָרן,
קאָן קיינמאָל ניט גיין פאַרלאָרן.
דיין סימפאָניע, —
כ'האָב זי ווייניק פאַרשטאַנען.
מוזיק האָב איך קיינמאָל ניט געלערנט.
אָבער די גלידער מיינע
האָסטו מיטגעריסן מיט די טענער,
ווי איך וואָלט אַ טייל געווען פון דיין באַשאַף.

וואָס־זשע איז סימפאָניע,
אויב ניט דאָס
וואָס אַ נשמה עפנט אירע קוואַלן
און זינגט און זינגט,
און שטילט זיך איין מיט געזאַנג?
צי איז ניט סימפאָניע —
אוצרות מענטשלעכע טיף פאַרבאָרגן,
וואָס גייען אויף מיט דער זון
אין לויטערן פרימאָרגן?
דעם מאָרגן
האָב איך היינט געזען.
די זון
אין מענטשלעכער געשטאַלט
ביסטו געווען.
ווי לעבעדיקע גופים
האָבן דיינע טענער אין לופט געשוועבט.
יאָר טויזנטער
האָבן צו מיר גערעדט:
מיט קאַמף —
מיט אויפבלי פון מיין פאָלק.
און מיט אונטערגאַנג, —
טרויעריק געזאַנג
פון אונטערגאַנג...
און בטחון —
טיף אידישער גלויבן
האָט פון אונטערגאַנג
זיי אויפגעהויבן.
אַזוי פיל מסירת־נפש —
בלוט און קאַמף —
ווי הייסער קאָכעדיקער דאַמף
האָט צום הימל זיך געריסן
דיין געזאַנג,
אויפגאַנג, —
איז דיין סימפאָניע „ירמיה".
דאָס ליכט איז עס
וואָס איז באַשאַפן געוואָרן
צו געוועלטיקן
איבער תוהו ובוהו.

IV

סימע ליפשיץ

אַז איך טראַכט
ווי רייך דיין לעבן איז געווען
און נאָר דורך דיין ליבשאַפט
צו מיר —
האָב איך געקענט עס דערזען, —
בלייב איך אָטעמלאָז פאַר פרייד.
און ווי פאַר אַ ריזן־פעלדז
וואָס נעמט דער קאָפּ זיך דרייען
אַרויפצוקוקן צו זיין הויך,
אַזוי פעלט מיר
פאַר דער פריינטשאַפט אונדזערער
אויס רייד.

ביסט אַוועק פון אונדז,
איינגעשלאָפן מיט אַ לאַנגן שלאָף . . .
אַוועקגענומען האָט די ערד דיין גוף, —
נאָר ניט דיין לעבן,
וואָס איז ווי אַן אָפענער בוך,
געבליבן צום לייענען און געדענקען.

ניט דיין יחוס׳דיקן גרויען קאָפּ,
וואָס האָט דערציילט
פון שווערע מסירת־נפש׳דיקע טעג
און פון טיפע שיינע יאָרן,
ווי דו האָסט געלעבט זיי
זייט דו ביסט געבאָרן.
ניט דיין קלוגן שמייכל,
וואָס מיט אַן איינציקן באַריר
האָט געטאַדלט
און געלערנט חכמה אָן אַ שיר.
ניט דיינע בלויע אויגן —
ווי צוויי שטיקער הימל
וואָלט אין זיי געוואוינט —
האָט די ערד פון אונדז אַוועקגענומען,

זי האָט דיינע אוצרות
אונדז געשווינט.
ווייל ווי קען דען גאָלד
פֿאַרזשאַווערן אין קויט?
דיין נאָמען איז דאָס לעבן
וואָס ווייסט ניט פֿון קיין טויט.
די מעשים דיינע —
ווי לעבעדיקע קינדער,
ריידן און דערציילן
פֿון דעם שיינעם וואונדער,
וואָס פֿאַר אונדזערע אויגן איז געווען.
פּונקט ווי ס'קען די נאַכט
ניט אויסלעשן פֿון טאָג די שיין,
אַזוי קען די ערד ניט אָפּמעקן דיין לעבן,
וואָס זי אַליין
אין אַ טאָג אַ ליכטיקן האָט אונדז געגעבן.

עלקע

און עס איז געווען אין יענער צייט,
ווען מיר זיינען אַזוי יונג געווען,
אַז די זון דורך אונדזערע אויגן
האָט פלאַמיקער ווי רויט געשיינט.
די ערד —
אונטער אונדזערע טריט
האָט כסדר זאַפטיק און פריש געבליט.
און די לופט —
דורך אונדזערע נאַזלעכער —
האָט מיט צויבער־ריחות געשמעקט.
דאָס קול פון אונדזער בלוט
האָט געזונגען:
יוגנט! יוגנט!
אין אַזאַ צייט —
האָבן מיר איינס דאָס אַנדערע געפונען.
איך — אַן עמיגראַנטן־קינד, —
בין אויף קעסט צו זיידע־באָבע אַנגעקומען.
מיטגעבראַכט מיט זיך
אַ שווערן פּאַק צרות אויף די יונגע פּלייצעס.
טיפן טרויער אין די אויגן —
מלחמה־גרויל —
האָט פון זיי אַרויסגעשריען.
און אין מיין לייב
דער ברויז נאָך לעבן —
האָט געזונגען און געוויינט.
האָסטו מיין אָטעם אויפגעכאַפּט, —
און ווי די ערד
וואָס וואַרט אויף רעגן, —
האָט די פריינטשאַפט אונדזערע
געשפּראָצט פאַר אונדזערטוועגן.
דו — דעם שוסטערס מיידל —
אין דער „באַשקע" 1)
אונטער מיין זיידנס שטוב,
מיט וועמען ס'האָט דער הויף געקלונגען.

1) קעלער־שטוב.

אַז געדאַרפט וואָלסטו גאָר זיין
אַ „רייזעלע דעם שוחט׳ס" —
פאַר דיין חכמה, פאַר דיין שיינעם
חנ׳עוודיקן קאָפּ . . .
איך האָב דיך געזען בייטאָג
אַ היים קומען פון „שקאָלע",
דיינע גרויסע אויגן —
טרויעריקער סוד —
ביסט דעם הויף פאַרבייגעגאַנגען
ווי אַ גאַסט.
אין „באַשקע"
האָט אויף דיר געוואַרט די לאַסט.
די מאַמע דיינע — יונג און שיין,
מיט אָפּגעשפּאַרטן
בלוט און מילך פון גוטע יאָרן, —
האָט דיר צוויי שוועסטערלעך
און אַ ברודערל געבאָרן.
האָסטו, „די גרויסע שוועסטער"
טעג און נעכט זיך מיט זיי געשפּילט,
חלומות גאָלדענע
פאַר זיי אויסגעוועבט, —
זיי זאָלן אין דער טונקעלער „באַשקע"
דעם דלות ניט דערזען . . .
דער הויף —
כסדר האָט מיט יונגע קלאַנגען געררוישט.
קינד און קייט
אין זון האָט זיך געבאָדן.
נאָר דו —
מיט פליכטן אָנגעלאָדן
ביסט געווען אַ פרעמדע
אין דער וועלט פון קלאַנגען.
פון דער „באַשקע"
האָסטו צוגעקוקט,
ווי דאָס לעבן אויף דער גאַס איז שיין.
דיינע יונגע גלידער
האָבן געזאַמלט
ניט־אויסגעזונגענע לידער . . .

און עס איז געווען —
אין איינעם אַזאַ טאָג
האָבן מיר זיך באַגעגנט.
אונדזערע אויגן
האָבן איינס דאָס אַנדערע דערקענט.
שווייגן איז געווען די שפּראַך
אויף וועלכער מיר האָבן זיך באַגריסט, —
רייד — זיינען געווען אומזיסט . . .
ווי שוועסטער פון איין מאַמעס בענקשאַפט
האָבן מיר זיך געפונען —
און אויף אַ לעבן לאַנג
איינס דאָס אַנדערע פאַרשפּונען.
אונדזערע טעג, ווי ווייסער צווייט,
האָבן זיך צעבליט.
דורשטיקע זיינען מיר אַרויס אויף ווייטע וועגן
איינזאַפּן דעם רעגן.
וויפיל טרויער און געזאַנג
האָבן מיר געהערט אין אונדזער גאַנג!
די וועלט —
אַזאַ ווי זי איז געווען
איז אונדז ניט געפעלן.
ווי אַ הייליקע שבועה
האָבן מיר פאַרזאָגט זיך
אַנדערש זיין . . .
פאַר אונדז איז גוט געווען
אין בלויע לאַנגע אויפדערנאַכטן
איינע די אַנדערע דערוואַרטן.
און האָבן מיר זיך
מיט האַרצקלאַפּעניש געטראָפן, —
איז אַזוי פיל קינדישע פרייד אין אונדזער בלוט געלאָפן.
די שעה׳ען —
האָבן מיר ווי גוטן ווייַן געטרונקען.
די לבנה האָט איר זילבער ליכט
ביים טויער פונעם הויף געשפּרייט, —
זיינען מיר געשטאַנען לויטערע
און אַזוי זיך גלאַט געפרייט.
געטרוימט —

אַז דער טאָג דער מאָרגנדיקער
מיט זיין שיין, —
וועט פאַר אונדז
אַ שיף אויף ווייטע וועגן זיין . . .
אַזוי צונויפגעגאָסן
האָט זיך אונדזער פרייד און באַנג, —
אַז ס׳איז געווען
צוויי נשמות — איין געזאַנג.
ביז איינמאָל —
איינמאָל — אין אַ טאָג אַ זוניקן,
ווי שטענדיק
ווען כ׳פלעג אויף דיר זיך ריכטן
זאָלסט פון „שקאָלע״ קומענדיק
פאַר מיר אַ פּאָר מינוט פאַר׳גנב׳ענען פון פליכטן,
האָבן אַנגסטן באַשלאָגן מיין געמיט.
מינוטן — ווי אייביקייטן —
האָבן זיך געצויגן.
כ׳האָב געזוכט און ניט באַגעגנט
דיינע גרויסע טרויעריקע אויגן . . .
דער טאָג האָט זיך אויסגעלאָשן,
און ווי אַ כמאַרע געדוקט איבער מיין קאָפּ.
כ׳האָב אין הויף אַראָפּגעקוקט,
די יונגע קעפּ
וויפיל מאָל שוין איבערגעציילט, —
דיין געקרויזטער קאָפּ
האָט דאָרטן אויסגעפעלט . . .
יענעם אָוונט — ביים טויער,
האָט די לבנה
מיט מיר איניינעם געגליווערט.
כ׳האָב מיטן לעצטן כוח
אָנגעשפּאַרט זיך ביי דעם טויער וואַנט,
איז מיינע אויגן
האָבן וועלטן גאַנצע אומגעשפּאַנט.
כ׳האָב געוואַרט, געוואַרט . . .
אויף אייביק
האָט זיך איינגעקריצט
אין בלוט מיר יענע נאַכט.

ביסט געקומען —
ווי אַ שולדיקע צום וואַנט זיך צוגעשאַרט
און ביידע האָבן מיר געוואַרט.
געוואַרט —
ווער ס׳וועט פון אונדז
פריער כוח האָבן צו ריידן.
די נאַכט —
די לויטערע, די שטילע, —
זי אַליין נאָר
האָט פאַרנומען אונדזער תפילה.
ווי אַ גוטע מאַמע אונדז געבעטן:
רעדט! רעדט!
עס פליסט דאָס האַרץ אַריבער...
די גלידער אונדזערע
האָבן זיך צו דער ערד געצויגן —
ווי האָט אַרויסגעקוקט
פון שטומע אויגן.
דו די ערשטע האָסט געפליסטערט,
אַ שולדיקע געפליסטערט.
און איך —
דיין יעדן וואָרט האָב געשלונגען.
„דער טאַטע פאַרטרינקט דעם דלות,
ער איז פון שיכרות קראַנק.
און די צרות — זיי עסן אויף מיין מאַמעס לעבן.
דעריבער —
וויל איך מיין לערנען אויפגעבן!״
דיין אָטעם איז דיר קורץ געוואָרן,
האָסט נאָך אַזויפיל מיר געהאַט צו זאָגן...
נאָר מאָדנע —
ווי איז דאָס געשען?
אינמיטן טיפער נאַכט
האָט אָנגעהויבן טאָגן.
כ׳האָב דערזען די לאַסט
ווי זי פאַלט פון דיר אַראָפּ
און לייגט זיך ווי גאָלדענער שטויב
אונטער דיינע פיס.
די גלידער דיינע

גלייכן אויס זיך
און ווערן שטאַרקער פונעם זאַפט
פון דיינע רייד.
און אַט — דיינע אויגן קוקן מער ניט
אין דער זייט, נאָר צו מיר —
ווי תמיד ווען מיר זיינען נאָענט געווען.
די שרעק וואָס איז ערשט צווישן אונדז
געשטאַנען ווי אַ דאָרן,
האָט אין שיין פון אונדזערע אויגן
אינגאַנצן זיך פאַרלאָרן.
דאָס וואָס ס׳איז געווען
אַזוי שווער צו ברענגען אויפן גומען,
איז לייכט
אַצינד געקומען.
„סיי־ווי־סיי״, האָסטו ווייטער גערעדט —
„גיט די „שקאָלע״ ניט קיין סך,
כל־זמן זי לערנט ניט קיין פאַך.
די יאָרן גייען, איך וואַקס אונטער, —
און די מאַמע וויינט,
ווי עס ווערט דער טאַטע
אַלץ מער פאַרפאַלן אינעם שענק, —
אין זיין ברוסט, —
עס וואַקסט די קרענק . . .
דער טאַטע איז נאָך יונג —
נאָר אַלט ווערט ער פון שווערן לעבן.
און די מאַמע —
וויל די קינדער עסן געבן . . .
און איך האָב ליב אַזוי די מאַמע —
אירע באַקן בלייכן זיך פון הייסע טרערן —
כ׳קען ביינאַכט מער איר געוויין ניט הערן״ . . .
אַזוי האָסטו גערעדט צו מיר —
אָפן און שיין —
די לבנה האָט געגאָסן זילבער
און צוגעגעבן דיינע באַקן
אַזוי פיל בלאַסן חן.

עלקע לויטערע!
דו, אין יענער נאַכט, —
ווען האָסט געשוואוירן
זיך אויסלערנען אַ פאַך,
האָסט אַוודאַי ניט געטראַכט
אַז דיר אַליין וועט דאָס לעבן ניט ווערן גרינגער.
אין יענער נאַכט —
און אין די נעכט וואָס זיינען שפּעטער געקומען,
האָסטו געטראַכט וועגן דער מאַמען —
וועגן די שוועסטער וואָס זיינען איינגער.
און וועגן זיך?
אַ, ניט געווען קיין צייט צו טראַכטן.
אַהיימגעקומען ביסטו אין שפּעטע אויפדערנאַכטן
מיט בלייכע באַקן, און מידע ביינער, —
אָבער וויסן פון דער מידקייט
טאָר ניט קיינער.
פאַר דער מאַמען —
קוים אַמאָל זיך נאָך געוואָלט באַקלאָגן,
אָבער די קינדער —
זיי אַ וואָרט ניט זאָגן.
דו — די גרויסע שוועסטער —
קאָנסט באַשטיין!
דעם גאַנג האָסטו זיך אויסגעקליבן
און אויף אים וועסטו שוין גיין . . .
ביסטו געגאַנגען —
אין דיר האָבן אויפגעוואַכט
נשמה־געזאַנגען
און דו האָסט ניט פאַרפילט זייערע פאַרלאַנגען . . .

כ'געדענק, ווי כ'פלעג דיך אָנגעגענען
אין גאַס מיט אַ פּעקל אַרבעט
אָפּצוטראָגן צו אַ „באַרינע” 2)
פון דיין „רומינקע” —
פלעגסטו ווערן בלאַס פאַר פרייד
וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט.
2) רייכע באַלעבאָסטע

און דיינע צאַרטע פינגער
האָבן אַליין
גענומען אויפבינדן דאָס שטריקל . . .
מיט ציטער אין די אויגן
האָסטו געקוקט אַראָפּ — צום פּעקל.
און כ׳האָב געהערט ווי ס׳רעדט דיין האַרץ צו מיר:
„זע ווי עס שימירירט, ווי שיין,
באַלד, באַלד — און איך אַליין
וועל קענען אויפנייען אַ קלייד פון זייד,
ס׳דאַרף נאָך נעמען אַ שטיקל צייט.
דערווייל נאָר —
לערן איך זיך נאָטן שטעפּן —
מיט דער האַנט צו פעלן, —
און אַמאָל
מ׳דאַרף אַן אייזן אויפן פייער שטעלן" . . .
אַ צווייטן מאָל אַז איך האָב דיך באַגעגנט
אָפּטראָגן אַ קלייד —
האָט אין דיינע אויגן שוין געפינקלט
אַביסעלע מער פרייד.
מונטערער און דרייסטער
האָסטו פאַר מיר דעם פּאַק געעפנט, —
און וויפיל גליק
האָט אַרויסגעוואונגען פון דיין בליק,
וואָס איז אויף צאַרטן זייד געפאַלן?
ס׳איז געווען דיין אַרבעט —
דו אַליין — מיט דיינע פינגער
האָסט עס אויסגעהעפט!
און איך — כ׳שווער —
כ׳האָב ניט באַנומען דיין פרייד,
מיר האָבן אויסגעפעלט אַזעלכע רייד,
וואָס זאָלן דיין צאַפּלדיק האַרץ דערקוויקן.
אומזיסט האָסטו געזוכט אין מיינע בליקן . . .
איך — ווער נאָך ווי איך —
האָב דיך געזאָלט פאַרשטיין,
און מיט אַ וואָרט אַ וואַרימען דערפרייען?
האָב איך
געזען נאָר זיך

און געטראַכט:
ווען וועסטו ווידער קומען
אויספילן די ליידיקייט ביי מיר? . . .
און דו — מיט דער אַרבעט ביסט געוואַקסן.
אונטער זון און רעגן —
האָבן זיך פאַר דיר געעפנט
ברייטע האָריזאָנטן — ווייטע וועגן . . .
אַהיים געקומען ביסטו שפּעט ביינאַכט.
ווייל אַז מ׳האָט באַדאַרפט
אַ שטיקל אַרבעט ענדיקן,
איז ניט שייך געווען אויפן זייגער קוקן,
ווי ס׳האַלט דער ציפערבלאַט
זיך דאָרטן אין איין רוקן . . .
די מאַמע האָט כסדר אויף דיר געוואַרט,
און אַמאָל — די שוועסטער דיינע אויך.
און דו — מיט בלייכע באַקן און קורצן אָטעם,
וואָס האָסטו זיי געקענט דערציילן?
אַז די גלידער האָבן געבראָכן —
און דיין שבת׳דיק געזאַנג
האָט פאַרטויבט דער אינדערוואָכן . . .

ס׳איז שפּעטער דיר דיין אַרבעט
שוין געוואָרן גרינגער.
ווי ביי זיך אין דער היים
האָבן באַוועגט זיך דיינע פינגער
אויף דעם שטאָף מיט נאָדל־פאָדים.
האָסט פאַרזוכט די פרייד
פון אייגענע־געמאַכטע,
מיט דיין האַנט־געניייטע בגדים.
אין דיינע אויגן דער טרויער
איז געוואָרן שטייף,
און דיין שטים — כ׳האָב זי ניט דערקענט.
ס׳איז ניט געווען אין איר דער צויבער,
וואָס האָט געצערטלט און געגלעט,
נאָר טיפע מענטשלעכע ליידן האָבן גערעדט.
כ׳האָב פון דיין מויל
דאָס ערשטע מאָל געהערט דאָס וואָרט

„זאבאסטאָווקע״. 3)
וויפיל חלום, וויפיל שיינקייט
דו האָסט אין דעם געזען.
און מיר —
איז אינגאַנצן פרעמד געוועזן
דאָס וואָרט און זיין באַדייט,
נאָר קוים ביסטו געזעסן ביי דער זייט,
איז מיר סיי־ווי־סיי געוועזן גוט,
און ס'האָט מיין „וועלט״
פון „זאַדאַטשעס״ און „אוראָקן״
זיך אָפּגערוט.
איך האָב פּונקט ווי אין יענער נאַכט,
ווען דו האָסט צום ערשטן מאָל
מיט וואָרט צו מיר דיין טרוים געבראַכט, —
געבעטן זיך ביי דיר:
כ'וויל הערן, דערצייל וואָס מער
פון נאָדל און פון שער, —
מער האָב איך דיך ניט געדאַרפט שוין בעטן —
פלעגסט קומען ווי אַ מילגרוים
אָנגעפילט מיט רייד —
אַ דרייסטע, אַ געלייטערטע
אויף מיין זיידנס באַלקאָן,
און ווי שיין
ס'האָט מיין זיידנס שטוב
דיך אויפגענומען אויבנאָן.
וואָס איז אַזוינס אין דיר געוועזן
וואָס דו, די איינציקע פון אַ הויף מיט קינדער,
האָסט ביי מיין שטרענגן זיידן נושא־חן געווען?
דו — דעם שוסטערס מיידל, און די מאָדיסטקע, —
אַזאַ מאָדנער גראַם, —
ביסט געווען מיין בעסטע חבר'טע,
דער שענסטער גאַסט
אין מיין חסידיש־שוחט'ישן שטאַם.
פאַר דיר איז שטענדיק גרייט געווען אַן אָרט,
און קיינמאָל —
קיינמאָל איז, חלילה, אין מיין שטוב
וועגן דיר געפאַלן אַ שלעכט וואָרט.
3) סטרייק

מיט דיר — שבת נאָך הבדלה —
האָט זיך אַ לויטערע
אָנגעהויבן די וואָך.
אָן אַ ברעקל יאָך.
עס איז געווען — ווען מיין זיידע
פלעגט אַ געלייטערטער,
נאָכן שבת קודש —
די טרעפּ אַראָפּגיין אין הויף,
און טראָגנדיק זיין שטאָלצן גוף —
דעם הויף אַדורכגיין אין גאַס אַרויס,
אָנהויבן די פולע וואָך.
די פערד און וואָגן, וואָס האָבן שוין געוואַרט
אין בויגנע אים אָנוועקצופירן,
האָבן מיט די גלעקער זיך צעקלונגען
אין דער שוואַרצער נאַכט —
דעמאָלט האָט זיך אונדז געדאַכט —
אין יענעם גלעקער־קלאַנג, —
אַז מלכים עפענען די טויערן פון גן־עדן
פאַר אונדז אויף דער ערד . . .
אונדזערע בליקן —
חלומ׳דיק און וואַך, האָבן געגליט
אין דער פינצטערניש פון נאַכט,
און שטילערהייט
האָבן מיר
פון ערשטער ליבע געטראַכט . . .
אַזוי ווייט האָט די בענקשאַפט פאַרטראָגן,
אַז ניט איינמאָל האָבן מיר זיך געזעגנט
ווען ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן . . .
אין אַזעלכע אויפדערנאַכטן
זיינען דיינע רייד פון אַרבעט
פריש געווען און ניי —
ווי ס׳איז דער צוויט אין חודש מאַי.
ס׳איז געווען דיין שטים
וואָס האָט די רייד די פשוט׳ע
מיט לעבן אָנגעגאָסן.
פאַר מיר איז אויסגעוואַקסן
אַ פּאַלאַץ אַ גאָלדענער — דיין אַרבעטס־צימער, —

מיט הויכע מאַרמאָר־טרעפּ
אַרויפצוגיין אַהין . . .
צווישן מענטשן־קעפּ — דיין קאָפּ, —
אַ ליכט לויכט אַרויס פון ריי.
דיינע הענט —
ניט קיין נאָדל פּאָדים ציען —
נאָר ווייסע פליגל צוויי
פון מלכים פליען.
דו רעדסט מיט שטים מיט לויטערער,
כאָטש טונקל זיינען נאָך אין „באַשקע"
דיינע טעג.
דו רעדסט מיט וואָרט מיט גלויביקן,
כאָטש שווער איז נאָך דער גאַנג אין וועג.
אָבער גרינג די טריט
אויף דער פולער וואָך.
אַ זילבער פּעדימל — דיין יאָך.
די גלידער דיינע יונגע
מיט פרייד פון מי — האָבן געזונגען.
און שענער נאָך פון דיינע גלידער
האָט געזונגען דיין נשמה
די נייע לידער . . .
וויפיל חלום — פאַרבאָרגענע פרייד
איז געווען אין דיינע רייד,
ווען האָסט מיר פאַרטרויט דעם טיפן סוד:
„מאָרגן מאַכט מען די ערשטע 'זאַבאַסטאָווקע'!
ס'איז ניט גרינג דאָס גרייטן זיך,
נאָר ס'איז כדאַי —
ווייל איידער ס'ווייזט דער צוויט זיך אויף די ביימער
שפּראָצט פון דער ערד אַרויס דער מאַי" . . .
דיינע רייד
ווי רייפע זאַנגען
זיינען צו דיינע טריט געפאַלן.
דיך געקרעפּטיקט,
דיך געשפּייזט.
האָסט אין דיינע רייד
זיך דערלייזט.

שפעטער האָבן נייע יאָרן
צווישן אונדז אַוועקגעשטעלט זיך ווי אַ דאָרן.
דיין וועלט,
וואָס האָט זיך געפורעמט
פון מי און הערלעכן באַגריף,
איז פאַר דיר געווען אַ ברונעם טיף.
מיין וועלט —
האָט אויף אַנדערע שליאַכן זיך געשפרייט.
ס׳איז געווען די צייט
ווען די השגחה פונעם זיידן
איז צו שוואַך געווען
קעגן דער האַנט דער גרויזאַמער
פון דער „מאַכט" וואָס האָט באַפוילן
אונדז אומ׳רחמנות׳דיק צעשיידן.
דער באָדן
איז ניט געווען הארט גענוג צו בויען אַ געצעלט;
גערופן האָט דער צויבער פון ווייטער וועלט . . .
שיפן האָבן פון פרעמדן רוים
געבראַכט צופירן צו די ברעגן
טרוים
און אויסגעלאָדן זיי אויף מיינע וועגן.
דער זיידע האָט מיט ציטערדיקן קול
און בלייכע הענט — געבענטשט:
„גאָט איז אַ פאָטער פון יתומים,
כ׳קען זיינע דרכים ניט פאַרשטעלן" . . .

:: : ::

אין דער היים דער נייער
איז איבער מיין קאָפּ
געהאַנגען אַ הימל אַ פרייער.
די זון האָט די דעכער געגליט
און אויף הארטן באָדן
געברענט מיינע יונגע טריט.
רחבות איז געווען אויסגעשפרייט אומעטום,
ס׳איז דאָס לאַנד געוואַקסן און געקוואָלן
מיט דער פרייד פון מי.

פאַרן מענטש מיט פרישן בלוט,
מיט „הענט" —
זיינען אָפּן געווען אַלע וועגן.
ס'איז געווען די צייט,
ווען צווייג און בלאַט
און פויגל שטים —
האָבן געזונגען: „ס'איז גוט!"
„ביסט אין נייעם לאַנד —
וועסט צולייגן אַ האַנט
און פלאַסטערן דאָס לעבן".
איז מיר באַשערט געווען
ביי דער מאַשין אין שאַפּ
מיין שווערע מי, —
דעם לאַנד צושטייער געבן.
די זון האָט די דעכער נאָך אַלץ געגליט —
נאָר ניט געברענט שוין מיינע טריט.
שווער האָב איך געדרייט די ראָד
אונטער אַ לאַנגן טיש.
אויבן די מאַשינען
האָבן געמישט:
זינען — פאַרדינען —
פאַרדינען — זינען.
מיט דעם גערויש אין קאָפּ
און מידקייט אין יעדן גליד
האָב איך פאַרהערט דעם פויגל'ס ליד . . .
אַהיים געקומען פון אַ טאָג אַרבעט
מיט בלייכע באַקן,
אויסגעלאָשענעם פייער אין די אויגן, —
האָט כסדר
צום אָרימען געלעגער געצויגן.
כ'פלעג דעם קאָפּ מיינעם,
ווי ער וואָלט שוין אַזויפיל
צענדליק יאָר אויף זיך געטראָגן, —
שווער אַוועקלייגן אויפן קישן
און נאָר געטראַכט:
ווי אַזוי ציט מען אויס די נאַכט . . .
אין די פרימאָרגנס

האָבן קיין הענער ניט געקרייט, —
נאָר וועקזייגערס האָבן געשראָקן —
און רעדער פון מאַשינען האָבן געדרייט
אין שלאָף און אויף דער וואָך . . .
און ס׳איז געווען אין יענע טעג —
ווען כ׳האָב וועגן דיר אָן אויפהער געטראַכט.
כ׳האָב זיך געפרעגט:
וואו איז די פרייד וואָס האָט געקוואָלן
פון דיינע רייד?
וואָס איז עס געווען —
האָב איך דאָס ליכט אַליין דען ניט געזען?
ס׳האָט דאָך געשטראַלט אויף דער פולער וואָך,
און מיט שבת אָנגעצונדן די וואָך.
פאַרוואָס־זשע איז עס איצטער ניט אַזוי?
מיין שבת
איז מיט דער גאַנצער וואָך מיט גרוי.
אַזוי האָב איך געטראַכט,
ביז ס׳האָט זיך אויסגעצויגן די נאַכט . . .

כ׳האָב געזויגן די ברכה און די קללה פון גאָט,
וואָס האָט געבראַכט מיך אויף באַראָט
אין אַ נייעם, אין אַ פרעמדן לאַנד.
מיר האָט געפעלט דערפאַרנקייט אין מי —
מיר האָט געפעלט די האַרטקייט,
די „חכמה" פונעם לעבן, —
און אַ היים — וואָס זאָל מיר כוח געבן
צו וואַקסן מיט די געזונטע שטאַמען.
מיר האָט געפעלט דער טיש,
די וואַרימע בליקן
פון טאַטע מאַמען . . .
צו דעם אַלעם
האָסטו מיר אויסגעפעלט.
כ׳האָב געטראַכט: ווי גוט דיר איז!
דיין מי — איז מיט דיר אינאיינעם
אויפגעגאַן אין רייפן בלי.
און איצט — דו שניידסט געוויס
שוין דאָרט די זאַנגען . . .

אַזוי געדיכט איז געווען
דער נעפּל פון יאָך איבער מיינע אויגן,
אַז כ'האָב דעם שאָטן פון דיינע טעג
אינגאַנצן ניט געזען.
בריוו האָסטו געשריבן צו מיר לאַנגע
און געדיכטע.
ווי אויפן שבת פון מיין גרויער וואָך —
האָב איך זיך אויף זיי געריכט.
ס'איז געווען די בריק
צו מיין ווייטן גליק.

און עס איז געשען —
עס זיינען געקומען אַנדערע צייטן,
ווינטן נייע האָבן אַ בלאָז געטאָן
פוןביידע זייטן . . .
פונקט דעמאָלט —
ווען מיין טאָג האָט זיך גענומען לייטערן,
און ס'איז מיר גרינג געוואָרן דער טראָט,
ס'האָט צו מיר גענומען שמייכלען די שטאָט
מיט אירע הויכע פענצטער און קאָלירן,
און מיר זיינען היימישער געוואָרן אירע טירן,
צום ערשטן מאָל
האָב איך געקענט פונאַנדערטיילן
די קלאַנגען פון מאַשינען,
כ'האָב דערפילט
די פרייד פון פאַרדינען . . .
מיט דער אַרבעט איז געווען אויך קאַמף.
צווישן די רעדער און מאַשינען
זיינען מיינע הענט געווען דער דאַמף,
וואָס האָט זיי געשטויסן און געדרייט.
און ס'איז געווען —
ווען כ'האָב זיך אויסגעלערנט די „חכמה" פונעם לעבן,
האָב איך גענומען אונטערשיידן:
אַרבעט איז ניט קיין שטראָף —
ס'איז אַ מענטשלעכער באַרוף.
אַרבעטן אַ לעבן לאַנג,
נאָר ניט פאַרשוועכן דעם גאַנג.
ס'איז דאָ אַ צייט פאַר אַרבעט

און פאַר רו ;
ס׳איז דאָ אַ פרייד
וואָס זינגט פון יעדער שעה.
ס׳איז דאָ „פאַרדינסט"
וואָס אָטעמט אויף דער גאַס —
ס׳איז דאָ אַ חשבון צווישן קלאַס !
אָט דער חשבון
האָט פאַר מיר אויפגעמישט אַ נייעם בויגן.
ס׳איז ניט גרינג געווען פאַר מיר,
אַן איינציקע פון אַזויפיל מער, —
ווען אַלע רעדער מיט פולן גאַנג
האָבן נאָך אויסגעזונגען דאָס געזאַנג
פון נאָדל־שער, —
און ס׳האָט דער שאַפּ נאָך ניט גע׳חלומ׳ט
וועגן רו —
כאָטש די ווייזערס האָבן געשראָקן
מיט שפּעטער שעה . . .
ניט גרינג איז געווען
אויסלעשן דאָס ליכט ביי דער מאַשין,
און אין אַ ים פון מי וואָס קאָכט —
איבערלאָזן אַ ליידיק אָרט . . .
ס׳האָט אויף מאָרגן
דער באַלעבאָס מיט שאַרפע בליקן דורכגענומען,
און וואָס אַמאָל איז שווערער געוואָרן זיין ברומען.
ביז איינמאָל —
ס׳האָט פאַרדראָס זיך אָנגעקליבן —
און מ׳איז איינס דאָס אַנדערע
שולדיק ניט געבליבן . . .
אַזוי — האָבן זיך פון מיינע טעג
גענומען בייטן די קאָלירן.
כ׳האָב אַ סך געקלאַפּט אין טירן, —
כ׳בין אַ סך אין גאַס געזעסן —
און לופט — אָנשטאָט ברויט — געגעסן.
ס׳איז געווען די צייט פון שטרייט.
און איך בין אַזוי יונג געווען
און דורשטיק
צו טרינקען די חכמה פון די „קלוגע לייט".

כ׳האָב געלערנט און פאַרשטאַנען,
אַז ניט אין מי אַליין איז דאָ פרייד, —
נאָר אין ווירדע פונעם מענטש
וואָס נייט דאָס קלייד.
דענסטמאָל, עלקע טייערע —
האָב איך געטראַכט פון דיר.
דו ביסט אַ ליכטיקע געשטאַנען לעבן מיר, —
נאָך ליכטיקער און פולער
ווי אַמאָל — אין מיין זיידנס הויז —
ווען די יוגנט האָט געבליט אין אונדז
ווי אַ רויז.

פונקט דעמאָלט
האָבן שוואַרצע שאָטנס איבער דיינע בריוו געשוועבט.
האָסט דערציילט ווי שווער דו לעבסט, —
פון אויסגעלאָשענע חלומות, —
פון דער „זאַבאסטאָווקע"
פון דער ערשטער וואָס ס׳איז געוואָרן
געדענקסטו שוין ניט כמעט.
די יאָרן די שפּעטערדיקע
האָבן דיך מיט אַנטוישונגען געלאָזן זאַט . . .
האָסט די הײם פאַרלאָזן,
נע־ונד . . .
כ׳האָב דיינע בריוו
אַזויפיל מאָל געלייענט,
געלייענט — און געוויינט.
איטלעכע שורה איז פאַר מיר אַ באַן געוועז,
יעדער אות — אַ הויז.
כ׳האָב דיין בלייכן פנים געזען,
ווי דו גייסט
גאַס אַריין, גאַס אַרויס.
ווי דו שלינגסט דעם אומעט שטיל,
ווייל ס׳איז דיין וואַנדערן ניט קיין קינדער־שפּיל.
טאַטע־מאַמע זיינען מיט די יאָרן
אָרימער געוואָרן.
די שוועסטערלעך — דאָס ברודערל דאָס קליינע,
זיינען אויסגעוואַקסן,

און די שטאָט די אָרימע
זי ציילט זיי אין די טויזנטער
די קינדער אירע.
ס׳איז אַ צער צו זען זיי אין די גאַסן.
אין זייער גאַנג —
איז אויסגעלאָשן דאָס געזאַנג
פון יוגנטלעכע טריט.
זייערע ליפּן שווייגן, —
נאָר דער צאָרן אין די אויגן רעדט . . .
אָט־דער צאָרן
האָט דיך געטריבן וואַנדערן איבער שטעט.

דיינע בריוו
שטיקער צאַפּלדיק לעבן —
דעם שענסטן אָרט
האָב איך זיי אָפּגעגעבן.
אין האַרץ ביי מיר זיי אָפּגעהיט, —
דיין צער — מיט בלוט מיינעם אויסגעבריט.
אין לאַנד מיינעם,
וואָס איז שוין מיין היים געוואָרן,
און כ׳האָב דאָס לעבן ליב געקראָגן אָן אַ שיר,
האָב איך געזען טירן אָפענע
פאַר קינדער נע־ונד׳ניקעס ווי דו.
דאָס פרייע ליכט האָט געבלענדט —
האָב איך דיר אויסגעשטרעקט די הענט ;
פאַר דיר, אין טרוים —
אַ היים געבויט
און די פרייד דיר אָנפאַרטרויט.
דו ביסט שיכור אַזש פון פרייד געוואָרן,
מיט יעדן טאָג
האָט זיך איבער דיין יאָך
אַ בלויער הימל געשפּרייט,
דו האָסט אין וועג זיך שוין געגרייט . . .
בריוו זיינען געגאַנגען —
בריוו האָבן געמוטיקט ;
ס׳האָט זיך געדוכט :

אַט־אַט, מירן די זון דערלאַנגען, —
אַט־אַט, און אַלץ וועט זיין פאַרגיטיקט . . .

בריוו זיינען געגאַנגען
און צוריקגעבראַכט
אָפּגעריסענע קלאַנגען . . .
ווייניק האָסטו געשריבן,
און נאָך ווייניקער געזאָגט,
ס'איז שווער געווען צו וויסן
וואָס ס'וועט דער מאָרגן זיין.
דערווייל — דיין טרוים —
ער זינקט אין נאַכט אַריין . . .

און אין מיין לאַנד
איז יעדן טאָג אַ ליכטיקער
נאָך אויפגעגאַנגען דער באַגינען,
האָב איך שיפן פון טרייסט
דיר אויפגעבויט
און זיי אָפּגעלאָזן אין דער וועלט;
ניט געזען די שוואַרצע קראָען
וואָס האָבן זיי דעם וועג פאַרשטעלט.
ניט געהערט אין זייער רופן
דעם אומגליק אויף דער וועלט . . .

:: : ::

די בריוו דיינע —
זיי ליגן אַלץ נאָך פאַר די אויגן.
איך לייען זיי — איך מיש די בויגן.

איך צייל זיי אָבער
און איך צייל זיי ווידער;
דיינע שורות גלעט איך
ווי לעבעדיקע גלידער . . .

איך פאָר מיט זיי די ימים
די בלוטיקע אַריבער
און איך זוך די גאַסן
און איך זוך די שטיבער.

איך רוף צו דיר
מיט אַ קול אַ שוואַכן,
און איך הער ווי ס'טוט
דער שטן פון מיר לאַכן . . .

מיט אַ האַרץ פון שטיין
שטאַרק איך מיינע טריט,
דעם ווילדן ווידערקלאַנג
כ'וויל איינשטילן מיט מיין ליד . . .

זינג איך און איך זינג
מיט אַ ציטערדיקן קול,
ס'האַקט מיר אָפּ מיין אָטעם
אַ טיפער יאָמער־טאָל.

גיי איך און איך גיי
שטעט און לענדער איבער,
קלעטער איבער בערג,
טרעט אַריבער גריבער.

גיי איך און איך גיי
מיט מיין בליק געצונדן,
און עס לעשט אים אויס
טיפער ווייַ פון וואונדן . . .

זוך איך און איך זוך
צווישן קעפּ — דיין קאָפּ,
און עס לאָזט די נאַכט
זיך אין מיטן טאָג אַראָפּ . . .

סע איז די ערד געשוואָלן —
זי ציטערט פון פיבער.
און איך זוך אויס אַ וועג
און שפּאַן זי איבער . . .

ווייל ס'איז מיין גאַנצער גאַנג
נאָר געמאַכט פון ווערטער,
איז מיין ליד דערפאַר
אויף לייטישן געלעכטער,

ווייל פון אַזאַ גרויסן צער
ווי קאָן מען זיין אַ זינגער ?
סיידן נאָר דערפאַר
ווייל זיך אַליין ווערט גרינגער . . .

עלקע טייערע, בלוט און פלייש פון מיר,
דו אַליין — דיין לעבן — איז דער שענסטער שיר.
דו אַליין דער זייל,
וואָס אין מיין האַרצן ברענט.
דו אַליין, דיין נאָמען,
דער שענסטער מאָנומענט !

ביסט אַמאָל געווען,
און ביסט איצטער דאָ.
ניט דו האָסט טויט געזען
אין דיין לעצטער שעה.

אויב ס'איז דער טויט
חלילה יאָ געקומען,
איז אויף אַ רגע נאָר,
פאַרוויגט דיך מיט די בלומען.

וועסט אָפּשלאָפן אַ יאָר,
אָפּשלאָפן אַ הונדערט,
ס'וועט דיך אויפוועקן דער קאַיאָר,
וועסט זיך אומקוקן פאַרוואונדערט :

דאָס בלוט — די טיפע גריבער,
זיי זיינען מער ניטאָ.
עס שטייען נייע שטיבער
און מענטשן זיינען דאָ.

די זון — אַ געטרייער וועכטער,
וואַרימט ווי אַמאָל.
און קינדערשער געלעכטער
פֿאַרקלינגט דעם יאָמער־טאָל.

די אויגן פֿון די קינדער
וואַרימען און גלעטן,
און יעדערער באַזונדער
וועט דיך אין געסט פֿאַרבעטן.

וועסט זיך דערמאָנען
און ניט וועלן גלויבן . . .
ווען דיך נייע פּאָנען
צו דעם ליכט דערהויבן.

ווסטו זען און הערן
אויף יעדן שריט און טריט,
ווי מיטן גאַנג פֿון שטערן
גייט דיין לעבן מיט.

V

ווען קינדער וויינען פון שלאָף

ווען קינדער וויינען פון שלאָף
רייסט דאָס געוויין זיך דורך פענצטער
און שניידט דורך מיט שאַרפקייט
דאָס בלויע שווייגן פון דער נאַכט.
כאַפּן זיך מאַמעס צעשראָקענע אויף,
שטרעקן מידע הענט צו וויגעלעך אויס,
נעמען קינדערלעך צו זיך אַפּן שויס, —
און אין לופט צעזינגט אַ שטיל געזויש:
שאַ — אַ, שששש.

װעלװעלעס שפּילעכלעך

װעלװעלע איז אַ אינגעלע, אַ פּיצעלע, אַ ברעקעלע,
שפּילט ער זיך מיט שפּילעכלעך, מיט רייפעלעך און גלעקעלעך.

שפּילט ער זיך מיט הינדעלעך, מיט גענדזעלעך און קאַטשקעלעך,
פּאָרן זיינע שפּילעכלעך מיט פערדעלעך אויף טאַטשקעלעך.

װעלװעלע האָט אַ שטימעלע, צאַרט אַזוי און שטיל, —
רעדט ער צו די שפּילעכלעך און שטעלט צונויף אַ שפּיל.

קוקן זיינע שפּילעכלעך אין די אויגן אים אַריין,
קיין איינציקער פון זיי קען אים ניט פאַרשטיין.

רעדט ער און ער רעדט, מיט אַן איינגעהאַלטן קול,
צערטלט זיי און גלעט זיי, ניין־און־ניינציק מאָל.

טוט אַ שפּרונג דאָס פערדעלע אין האַסטיקן גאַלאָפּ,
נעמען גלייך די גענדזעלעך און לויפן אויך אַראָפּ.

צעקייקלען זיך די רייפעלעך, קיילעכדיק קייל־קייל,
און נאָך זיי די איבעריקע אין אַ גרויס געאייל.

קוקט װעלװעלע מיט אייגעלעך, צוויי טרויעריקע, נאַס,
און ס׳ווערן ראָזע בעקעלעך אויסגעצערט און בלאַס.

בלייבט דאָס קליינע װעלװעלע אין בעטעלע אַליין, —
און עס פאַרקייכט דאָס הערצעלע אין אַ גרויס געוויין.

לויפט אַריין די מאַמע, זעט זי אויפן דיל
דרייען זיך די שפּילעכלעך ווי רעדער אין אַ מיל.

שטייט זי אַ פאַרגאַפטע: וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?
כאַטש קלייב צונויף די שפּילעכלעך און פּאַטש זיי גוט, גוט אָן . . .

קוקט װעלװעלע מיט אייגעלעך אויף מאַמען און אויף דיל,
און בעט זיך ביי איר שוויגנדיק: שטעל צונויף די שפּיל.

ב׳נעם צונויף די שפּילעכלעך — שטעל אויף די שפּיל צוריק
און ס׳שטראַלן אויף די אייגעלעך מיט נייעם, ריינעם גליק.

אינגעלע זוכט אַ לידעלע

לידעלע האַרציקע, קום צוגיין
צו אַ אינגעלע־זינגעלע, אינגעלע קליין.

אינגעלע־זינגעלע זוכט דיך אַרום,
לידעלע זיאַם, לידעלע זיאום.

האָסט זיך באַהאַלטן אין אינגעלעס שטוב,
בענקט ער נאָך דיר, ער האָט דיך ליב.

קום־זשע, דו לידעלע, פון באַהעלטעניש אַרויס,
עס שטרעקט דיר מיין אינגעלע די הענטעלעך אויס.

און בלייב שוין אויף שטענדיק לידעלע שיין
אין אינגעלעס יונגן, צאַרטן געביין.

זיי מיט אים תּמיד — פון פרי ביזקל שפּעט,
ביים שפּילן, ביים עסן, ביין גיין שלאָפן אין בעט.

אַ געבעט צום ווינט

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
צעשטערסט מיין אינגעלע דעם שלאָף.
עס זינגען אַלע אברים רו
אין זיין מידן גוף.

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
ניט ברעך די צווייגן פונעם בוים.
עס וויל מיין אינגעלע אין רו
וועבן זיך אַ טרוים.

ווינט דו בייזער, ווינט וויו־וויו,
שטורעם ניט די וועלט.
עס וויל מיין אינגעלע האָבן רו
אין זיין בלוי געצעלט.

אָפּגענאַרט

אַ גאַנצע נאַכט כ׳בין ניט געשלאָפן,
מאַמע, איבער דיר.
כ׳האָב געמיינט דו ביסט אַנטלאָפן
גאָר פון מיר.

איך כאַפּ זיך אויף, ס׳איז שפּעט,
וואו איז די מאַמע, וואו ?
כ׳נעם דעם זייגער אַריין אין בעט
און איך צייל די שעה.

האָסט שוין לאַנג געדאַרפט דאָ זיין,
מאַמע, מאַמע שיין.
שליס די טיר אויף, קום אַריין,
איך קען ניט זיין אַליין.

אַ גאַנצע נאַכט כ׳האָב געוואַרט —
און צו דיר גערעדט.
צום סוף — האָסט מיך אָפּגענאַרט
און געשלאָפן אין אַן אַנדער בעט . . .

אַ מעשה׳לע אין פערזן

יאָסעלע מאַזע׳ן אַ מתנה.

ווען די זון האָט אונטערן וואַלד געגומען זיך קלייבן
און דאָרטן אויף לאַנג געזאָלט שוין פאַרבלייבן

האָבן קינדערלעך געזוכט מיט וואָס צייט צו פאַרטרייבן
און אַוועק אין וואַלד אַריין יאַגעדעס קלייבן.

שפּאַנט מאַמע מיט קינדער, מיט ערדענע טעפּעלעך,
איבער גראָזיקע וועגן און שטיינערנע טרעפּעלעך.

וואַקסן יאַגעדעס רויטע, געדיכט און אַ סך,
ווערן קינדערלעך פריילעך, אַ ריס און אַ לאַך.

איינע איז אַ גוטע, איינע איז פויל,
איינע אין טעפּל ; די צווייטע — אין מויל.

ווען ס׳זיינען די טעפּלעך מיט יאַגעדעס געוואָרן פאַרפילט,
זאָגט מאַמע, אַז ס׳האָבן זיך קינדערלעך גענוג שוין געשפּילט —

און פריילעכע לאָזט מען זיך אַלע אַהיים גיין, —
פּלוצלינג ! — בלייבט יאָסעלע שטיין,

פאַרשטעלט מיט די הענטלעך דאָס ערדענע טעפּעעל
און ברוגז׳לעך שאָקלט ער מיטן קעפּעלע.

„כ׳וויל נאָך ניט גיין", טופּעט ער מיט אַ פיסעלע, —
„איר האָט פולע טעפּלעך, און איך נאָר אַ ביסעלע".

ווערט אַ געליאַרעם, אַ פריילעך געשריי,
ס׳זיינען קינדערלעך גרייט זיך שפּילן אויפסניי.

כאַפּט איינער אַ צווייגל, דער צווייטער אַ שטיין, —
נאָר יאָסעלע איז ברוגז, וויל בלייבן אַליין.

בעט זיך די מאַמע ביי יאָסעלען שטיל:
„לאָמיר מיין קינד, מאַכן אַ שפּיל!

אַט זיינען די טעפּלעך פולע און גרויס,
לייגן מיר די יאַגעדעסביידע אַרויס.

כ'וועל אָנהויבן ציילן פון איינס ביז ניין,
ביז דעמאָלט די טעפּעלעך מוזן פולע שוין זיין.

וועמענס טעפּעלע צום ערשט עס ווערט פול —
דער פון אונדז ביידן האָט געוואונען די שפּיל".

ווערט יאָסעלע פריילעך, די אויגן צעשטראַלן,
און יאַגעדעס פלינק אין טעפּעלע פאַלן . . .

ס'האָבן קינדערלעך אַלץ נאָך אין וואַלד זיך געשפּילט.
יאָסעלע האָט זיין טעפּעלע לאַנג שוין פאַרפילט.

די זון האָט געלויכטן מיט רויטלעכן שמייכל, —
און דער וואַלד האָט געקוואַלן פון קינדערשן שכל.

קינדער פון אָרעמע גאַסן

פֿאַראַן אַזעלכע גאַסן, אין האַרץ פֿון ניו־יאָרק,
וואָס ליגן ווי אַן הויקער ביי איינעם אויפֿן קאַרק.

פֿאַראַן אַזעלכע שטיבער דאָרט אין די גאַסן,
וואָס שניידן ווי מיט מעסער מענטשלעכן געוויסן.

דאָרטן וואוינען קינדער, מיט מאַמעס און מיט טאַטעס,
זייער ברויט איז אָרעם; זייערע קליידער — שמאַטעס.

זייערע טירן סקריפּען, זייערע פֿענצטער זיינען צעבראָכן,
אַפֿילו אין אַ יום־טוב איז ביי זיי אינדערוואָכן.

די טאַטעס צו דער אַרבעט שטייען אויף באַגינען,
איילן אין דער וויַיט אויפֿן ברויט צו פֿאַרדינען.

בלייבן אין די שטיבער צוזאַמען מיט דער נויט
קינדערלעך וואָס וואַרטן אויפֿן שטיקל ברויט.

די ווענט פֿון די שטיבער — אומעטיק און נאַס,
זוכן יענע קינדער זייער שפּיל אויפֿן גאַס.

וואו אַ וואַסער שפּריצט, וואו אַ פֿייער ברענט,
דאָרט זיינען זיי דאָ מיט די דאַרע הענט.

וווּ ס׳עס איז געפּאַר, וואו פֿאַרשפּאַרטע גראַטעס,
דאָרטן קריכן קינדער און מיט זיי די שמאַטעס.

אויף אַלע קרומע וועגן, ווי פֿון ערד די קראָטן, —
לויפֿן זיי אַרום — צולהכעיס די געבאָטן . . .

פֿון קיין אויג באַוואַכט, פֿון קיינעם ניט געהיט,
דאָס לעבן קאָכט און ברויזט — זיי זיינען אינדערמיט.

און נאָך אַזעלכע טעג, נאָך אַזאַ מין גליק,
קערן מידע קינדער צו שטיבער זיך צוריק.

דאָרטן אין די היימען, אין די גרויע לעכער,
וואו די זון פֿאַרשטעלט איז פֿון הויכע דעכער,

וואו סע איז דאָס ליכט אַ גאַסט נאָר אין פֿרימאָרגן,
דאָרטן וואַרטן מאַמעס און מיט זיי די זאָרגן.

אַהין קומען די קינדער מיט די מידע גלידער
און פֿאַלן ווי שעפּעלעך שטילינקע אַנידער.

אַ באַלאַדע פֿון אַ באַרג מיט זעקס קינדער

דער באַרג איז אַ הויכער,
דער באַרג איז אַ ווייסער.
דער שליטן אַ וויכער, —
מיין אינגל דער שמייסער.

אַט פֿליט ער אַראָפּ, אַט פֿליט ער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ גלאַטער,
מיין אינגל — אין פֿלאַטער.

צוויי קינדער אַראָפּ, צוויי קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ מילדער,
מיין אינגל — אַ ווילדער . . .

דריי קינדער אַראָפּ, דריי קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ קאַלטער,
מיין אינגל — אַט פֿאַלט ער.

פֿיר קינדער אַראָפּ, פֿיר קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ רונדער,
מיין אינגל פֿון שליטן — ז׳באַזונדער . . .

פֿינף קינדער אַראָפּ, פֿינף קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

דער באַרג איז אַ ווייטער,
אַ מידער דער רייטער.

זעקס קינדער אַראָפּ, זעקס קינדער אַרויף,
אַ גליטש און אַ קוויטש, אַ לאַך און אַ לויף.

צום באַרג איז די נאַכט אַרונטערגעקומען,
מיין אינגל דעם שליטן אַהיים האָט גענומען.

שפּאַנען זעקס קינדער מיט שפּיל אין די גלידער,
דער פראָסט און דער שניי באַגלייט זיי מיט לידער.

שלאָף, אינגעלע, שלאָף!

שלאָף, אינגעלע, שלאָף —
כ׳וועל דיר דערציילן אַ מעשה פון שאָף

און וועגן אַ פּאַסטוכל באָרוועס און קליין,
וואָס האָט געפּאַשעט די שעפּעלעך איינער אַליין.

שלאָף, אינגעלע איין, מאַך די אייגעלעך צו,
סע שלאָפן די שעפּעלעך אויך איצט אין רו.

נאָר איין שעפּעלע איז פאַרבליבן אין טאָל —
אַ שעפּעלע קליין מיט קרייזעלעך וואָל.

איז געקומען אַ וואָלף, דאָס שעפּעלע פאַרצוקט, —
זיך צוריק אין וואַלד אין זיין נאָרע פאַרוקט.

די נאַכט האָט דעם טאָל מיט אַ נעפּל פאַרדעקט,
קאַיאָר האָט די זון דאָס פּאַסטוכל געוועקט.

ער האָט גענומען זיין פייפל, די טאָרבע, דעם שטעקן,
און איז געגאַנגען אין וואַלד דעם וואָלף אויפוועקן . . .

איז געקומען דאָס פּאַסטוכל צום וואָלף אין דער נאָרע,
ער האָט געריסן אין אומעט פון ביימער די קאָרע.

געבויגן די צווייגן, געפייפט ווי דער ווינט, —
געבענקט נאָך זיין שעפּעלע — דעם פּאַסטוכלס קינד.

דער וואָלף האָט די אויגן געעפנט, און באַלד
האָט אַ וועלפישער ברומען פאַרהילכט דעם וואַלד.

דאָס פּאַסטוכל באָרוועס, און איינער אַליין
דערזען דעם וואָלף — איז פאַרגאַן אין געוויין.

דער וואַלד האָט פאַרשלונגען ס׳געוויין און געברום,
און מורא׳דיק שטיל איז געוואָרן אַרום.

די ביימער די שווערע, די בלעטער, די צווייגן,
זיי האָבן דעם אָטעם פאַרהאַלטן אין שווייגן.

שלאָף, אינגעלע, שלאָף, —
עס וואַרט נאָך אַלץ די טשערעדע שאָף —

ס'זאָל דאָס פאַסטוכל באָרוועס און קליין
מיטן פאַרלוירענעם שעפעלע קומען צוגיין.

שלאָף, אינגעלע, שלאָף — דער פאַסטוך איז דאָ,
עס שפּרייט איצט די נאַכט איר ליבלעכע רו —

פאָר קינדערלעך קליינע מיט גאָלדענע לאָקן,
מיט אייגעלעך בלויע וואָס זיינען צעשראָקן.

שלאָף, אינגעלע, שלאָף, שעפעלע דאָ,
סע שרייט איבער וועלט אַ שוואַרצע קראָ.

עס זיינען די וועלף פון נאָרע אַרויס,
זיי ווילן פאַרצוקן סיי קליין און סיי גרויס.

שלאָף, אינגעלע, איין, נעם מיט כוח זיך אָן —
מירן באַשיצן דאָס לעבן וואָס שטייט איצט אין קאָן.

אויף אַ גאַס אונטערן בריק

אויפן גאַס אונטערן בריק
טאַנצן קינדער אויף אַ שטריק.

גייט די זון פון אַלע וועגן
צו די קינדערלעך אַנטקעגן.

טאַנצן פיסלעך אום געשווינד
און די האָר צעבלאָזט דער ווינט.

שטייען הייזער — גרויע, שטילע,
קוקן צו ווי קינדער שפּילן.

און די פענצטער מיט די טירן
לאָזן זיך צום שפּילוועג פירן.

און די דילן מיט די שוועלן
כאַפּן אויך אַ קוק אַ העלן,

ווי עס טאַנצן פיס און הענט,
אַזש עס הייבן זיך די ווענט.

יאָגן אויפן בריק מאַשינען
און זיי הודזשען ווי די בינען.

עראָפּלאַנען הויך אין הימל
דרייען זיך ווי אין געווימל.

און איבער וואַסער אין דעם טיפן
פאָרן אום און פייפן שיפן.

פּלוצלינג ווערן קינדער שטיל
און מע רוט זיך אָפּ פון שפּיל.

אַלע טראַכטן, אַלע קלערן:
וואָס וויל יעדער פון זיי ווערן?

ערשטער זאָגט: „אַ קאַפּיטאַן!"
צווייטער — „באָמבאַדיר אויף עראָפּלאַן!"

נאָר איין אינגל שווייגט און הערט,
אין געדאַנקען טיף פאַרקלערט.

פרעגן קינדער און מע לאַכט:
„וואָס ביסטו אַזוי פאַרטראַכט?"

ס׳קוקט דאָס קינד אַרויף צום הימל
און ער וואַנדערט דאָרט אין דרימל.

כאַפּט ער אויף זיך: — „אַ פּילאָט!
וואוהין ער פליט? — „אַ מלחמה־סוד" . . .

לאַכן קינדער פון דעם שנעק,
וואָס ער וואַרפט די שפּיל אַוועק

און ער וויל אין כמאַרעס רייטן,
אין די וועלטן, אין די וויטן . . .

און דער טאָג ווערט רייפער, רויטער,
לויכטן אויגן פריידיק, לויטער..

וואַרפן קינדער שפּיל און שטריק
און מע לויפט אַהיים צוריק.

פול מיט פרייד און פול מיט גליק
פון דער שפּיל אונטערן בריק.

אינהאַלט:

I

זינג מיין האַרץ 7
הערשל גרינשפּאַן 9
אַ וויגליד פון אַ מאַמע אין קיינעמסלאַנד 12
איך זוך דיין נאָמען 13
איך דערצייל זיך אַ מעשה, מיין ברודער 14
מיך לאָקט ניט יענער טאָג 17
צו דער נאַצי־מוטער 18
קומען בריוו פון ארץ־ישראל 21
„שטרומאַ" 24
ברודער מיין 29
מלחמה וויג־ליד 30
אין מיין אוקראַיִניש שטעטל פּרילוקע 31
שיפן 34
איבער געטאָ—די פאָן 36
צופאַל 38
זייף 40
אַ אידישע בריגאַדע 41
ווייסע נעכט 43
דוואַיט דייוויד אייזענהאַוער 44
צום לעצטן העלד 46
מיין שטאָלץ 47

II

וועמען גייט עס אָן 51
אַרבעט 53
יאָד 54
„מאַמע, כ'האָב דיך ניט ליב" 55
אין אַ טאָג פון מי 56
מיין שער 57

טעג	61
צו מיין קינד׳ס פיר יאָר	63
אַ וואָרט אַזאַ	64
און אַז איך רו . . .	65
מיין שוואַרצאַפּל	66
כ׳בין אויף דיר ניט בייז	67
דאָס גרעסט געבעט	68
דיינע קושן	69
ביי זיך אַליין	70
פרילינג־ערד רופט	71
געלע בלעטער	72
אין שטורעם־צייט	73
וואַרטן וועל איך	74
צו אַ פריינט	75
דו . . .	76
קיינמאָל נאָך ווי היינט	77
ניט־גערעדטע רייד	78
כ׳בין צו דיר געקומען	79
אַ וואָגשאָל שטעל איך אויף . . .	80
כ׳האָב דיך באַגעגנט	82
אַזוי וויל איך דיך געדענקען	84
מיר שרעקן זיך דעם אמת צו דערציילן	85
איך בענק	86
אויף מיינע ליפּן רייפן טרויבן . . .	87
ווען איך בין לעבן דיר	88
ס׳איז בלויער אָוונט געווען	89
פרעגסט	90
וועסט ניט קומען צו מיר . . .	91
און דו הערסט ניט ווי איך זינג . . .	92
חרטה	93
איך וויל	94
כ׳האָב גענומען . . .	95
אין וואַלד	96

נאָר דו . . . 97
צי זיצסטו אויך אַזוי ווי איך . . . 98
כ'האָב געוואָלט . . . 99
אַ דערמאָנונג 100
אין אָט־דער נאַכט דער שטילער 101
דו זאָגסט 102
אויף אַ שיף 103
וואו ביסטו איצטער, וואו ? 104
מיינע בריוו 105
פון דאָרף 106
אַ בילד 107
פאַרנאַכט ביים ים 108
לעאָנאַרד בערנשטיין 109

IV

סימע ליפשיץ 113
עלקע 115

V

ווען קינדער וויינען פון שלאָף 141
וועלוועלעס שפּילעכלעך 143
אינגעלע זוכט אַ לידעלע 144
אַ געבעט צום ווינט 145
אָפּגענאַרט 146
אַ מעשה'לע אין פּערזן 147
קינדער פון אָרעמע גאַסן 149
אַ באַלאַדע פון אַ באַרג מיט זעקס קינדער 151
שלאָף, אינגעלע, שלאָף ! 153
אויף אַ גאַס אונטערן בריק 155